THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

A JEWISH CANADIAN DAILY CIRCULATED ALL OVER CANADA AND ABRO[AD]

A S Freidus c/o The New York Public Library 476 Fifth Ave. NEW YORK N.Y.

צאהלט אייער חוב צו דער צדקה פעדעראציע צו ווערען א מיט-גליעדער קאסט בלויז $6.00 א יאהר

VOLUME IV. No. 1967 Toronto Sunday December 16 1917 א טבת פרשה ויגש תרע"ח זונטאג דער 16טער דעצ. 1917 PRICE 2 TWO CENTS

באלשעוויקעס האבען פארנומען דאנער אבלאסט

באלשעוויקעס האבען פארכאפט די פעסטונג פון די דאנער קאזאקען און קאלעדינעס דער פיהרער פון די קאזאקען איז ארעסטירט געווארען. פריעדענס פערהאנדלונגען אנגעפאנגען. האנדעל צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד אנגעפאנגען

אנארכיע און בירגער קריעג אין רוסלאנד

פעטראגראד, דעצ. 15.

ראסטאוו נאכיטשעוואן און טאגאנראג, די טעריטאריע פון די דאנער קאזאקען געפינט זיך יעצט אין די הענד פון די באלשעוויקעס, אזוי מעלדעט א בעריכט וועלכער איז דא ערהאלטען געווארען.

גענעראל קאלעדינעס דער פיהרער פון די קאזאקען איז ארעסטירט געווארען פון די גענעראלען גאלדין און באטצקי די הויפט פונ'ם גענעראל שטאב פון די באלשעוויקעס. דאס הייסט אז די באלשעוויקעס האבען יעצט אין זייער בעזיץ די גאנצע דאנער אבלאסט, די גענעראלען האבען איינגעלאדען דעם ראסטאווער גובערנאטאר צו פאהרען מיט זיי נאך נאוואטשערקאסק, די געוועזענע הויפט קווארטיר פון גענעראל קאלעדינעס, וואו עס וועלען אנגעפיהרט ווערען פערהאנדלונגען פאר פריעדען און אבשטעלען די בירגער קריעג.

15 רובעל א פונט זייף אין רוסלאנד.

פעטראגראד, דעצ. 15.

די דייטשען האבען שוין אנגעפאנגען צו האנדלען מיט רוסלאנד איבערהויפט בעקומט דייטשלאנד פון רוסלאנד סחורות אין וועלכע זי נויטיגט זיך גאנץ שטארק ווי פעטס און פארם פראדוקטען אזוי מעלדעט א טעלעגראמע וועלכע איז דא ערהאלטען געווארען.

עס איז אנאנסירט געווארען אז מען האט געלאזען וויסען די באנק הייזער אז דער האנדעל צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד איז בעגייט געווארען, ארום מינסק און ארום צפון פראנט.

גייע פלעצער זענען געעפענט געווארען וואו דייטשלאנד און רוסלאנד בייטען זיך מיט סחורות, דייטשלאנד גיט רוסלאנד מעטאלען און כעמישע שטאפען פאר פארם פראדוקטען און פעטס איבערהויפט זייף, אין רוסלאנד קאסט יעצט 15 רובעל א פונט זייף.

פאלשטענדיגע אנארכיע הערשט אין רוסלאנד

לאנדאן דעצ., 15.

טעלעגראמען וועלכע זענען דא ערהאלטען געווארען פון פעטראגראד זענען זעהר ווידערשפרעכענדע וועגען דער יעצטיגער מיליטערישער לאגע אין דרום רוסלאנד. דער פעטראגראדער קארעספאנדענט פון דער „פאסט" מעלדעט אז רוסלאנד איז פערוויקעלט אין א פארפלאנטערטער בירגער קריעג, טראצדעם וואס קיין גרויסע שלאכטען קומען ניט פאר.

קיין געוועהנליכע נייעס קען מען פון די איבעריגע טהיילען אין רוסלאנד ניט בעקומען ווייל די קאמיוניקאציאנס ליניעס זענען מעהרסטענטהייל אויסער ארדנונג.

די פעטראגראדער בעפעלקערונג איז יעצט מעהר פעראינטערעסירט אין דער קאנסטיטוציאנעלער קאנווענשאן אידער אין די פריעדענס פערהאנדלונגען וועלכע ווערען יעצט אנגעפיהרט צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד און אפילו וועגען דער קריעג וועלכע קומט פאר אין די דרום רוסישע גובעריגעס.

די באלשעוויקעס מאנעווערען די קאנסטיטוציאנעלע קאנווענשאן און לאזען איהר ניט אנגעהמען קיין שטעלונג. זיי וויילען אז די קאנווענשאן זאל טאנצען לויט זייער פייפעל, אבער ווי עס ווייזט אויס זענען די פיהרער ניט איינפערשטאנען און לאזען זיך ניט פיהרען אזוי גרינג.

ווער עס רעגירט רוסלאנד.

דער איינציגער געזעץ וועלכער רעגירט יעצט רוסלאנד איז די בעוואפענטע מאכט און די שטארקסטע מאכט איז יעצט אין די הענט פון די באלשעוויקעס, וועלכע האבען עטאבלירט א דעספאטישען רעזשים אין רוסלאנד אונטער דער פיהרערשאפט פון לענין און טראצקי.

לויט דער קארעספאנדענט פון דער „פאסט" מעלדעט זענען אלע צייטונגען אונטערדריקט געווארען פון די באלשעוויקעס. די באנק הייזער זענען נאך אלץ געשלאסען. אלע אייזענבאהנען זענען אונטער דער קאנטראל פון די באלשעוויקעס.

צעהנדליגע טויזענדע סאלדאטען קומען טעגליך אן פון פראנט זיי ווערען אבער ענטוישט אונטער קערענסקים הערשאפט האבען זיי זיך צוגעוואוינט צו א מאדערנער דיסציפלין און יעצט האבען זיי בעגעגענט א דיסציפלין וועלכע איז א פיעל ערגערע אידער אונטער דער הערשאפט פון ניקאלאי ראמאנאוו.

לענין פונקט ווי ניקאלאי.

די בעפעלקערונג אין פעטראגראד לעבט יעצט פונקט ווי אונטער ניקאלאי'ס רעזשים, לענין וועלכער איז יעצט דער פרעמיער פון רוסלאנד און פאקטיש דער איינציגער הערשער ליגט ערגעץ בעהאלטען ארומגערינגעלט מיט א שטארקער וואך מען זעהט איהם ערגעץ ניט און ער קומט זאגאר ניט צו קיינע פארזאמלונגען, פערקעהרט וויעדער ל. טראצקי קומט איבעראל און רעדט אינ'ם נאמען פון דער רעגירונג און אין לענינס נאמען.

מילונטשארסקי, דער בילדונגס מיניסטער פון דער יעצטיגער רעגירונג האט רעזיגנירט צוליעב א מיספערשטענדניס וועלכע איז ארויסגעקומען צווישען איהם און טראצקי.

ווער זיינען זיי און וועמען זוכען זיי ?

די עמוליכע אידישע פאליטישענס וועלכע האבען זיך געוויזען אויף דער אידישער גאס.

די גאנצע צייט וואס דער קעמפיין געהט אן איז געווען כמעט שטיל אויף דער אידישער גאס. מען האט געמיינט אז די אידישע פאליטישענס פארשטעהן דיא אויסערגעוועהנליכע לאגע און האלטען זיך צוריק פון ארויסגעהן צום עולם.

די חברה האט אבער געשוויגען ביז'ן לעצטען טאג און יעצט ווען מען דארף שוין געהן צום שטים קאסטען זענען זיי ארויס מיט א בריעף צו די אידישע וועהלער אונטער דער קעפעל "אידען אלס געטרייע בירגער שטיצט די יוניאן רעגירונג."

לויט נאך'ן איבערשריפט וואלט מען שוין געקענט דענקען אז א חשד ווערט געווארפען אויף דער געטרייקייט פון דיא בירגער אז דאס הייסט אויב א איד שטימט פאר דער אפאזיציע איז ער שוין ניט קיין געטרייער בירגער ?

ווער האט זיי געבעטען אט די חברה פאליטישאנס ארויסצוקריכען פון זייערע לעכער וואו זיי זיינען געגאנגען די גאנצע צייט ? ווער האט זיי געבעטען, און ווער נויטיגט זיך אין זייערע עצות ?

זיינען זיי ווירקליך די פיהרער פון די טאראנטאר אידען ווי אזוי זיי גיבען זיך ארויס ?

ווער האט זיי געגעבען דאס רעכט צו ווערען די אידישע פיהרער און עצה געבער ?

טהוט מען א קוק אויף'ן בריוועל און מען זעהט ווער עס האט זיך אונטערגעשריבען פאנגט דאס פנים אן צו פלאמען פאר שאנדע, ווער עס אומשטנס געזאנט פיגורירט עס אין די אויגען פון דער קריסטליכער וועלט אלס אידישע פערטרעטער.

האבען זיי ניט פערשטאנען אויב זיי האבען כאטש עטוואס שכל אז עס וואלט געווען געזונטער פאר זיי און גלייכער פאר אלע אידען אז עטליכע פון זיי זאלען ליגען מיט זייערע עטליכע „קאנטראקטלאך" דארטען וואו זיי זענען געלעגען ביז יעצט.

דענקען זיי ניט די וועלכע שטעלען זיך ארויס און האבען זיך געקרוינט אלס אידישע פיהרער אז מיר ווייסען אליין ווי אבצושעצען ענגלאנדס דעקלאראציע פאר א אידען שטאט אין פאלעסטינא.

און וואס האט צו טהאן דאס שטימען פאר א קאנדידאט אין סענטער טאראנטא מיט ענגלאנדס דעקלאראציע.

ווארום זוכען זיי צו פערבלענדען און שיטען זאמד אין די אויגען פון די אידישע בירגער און פרובירען זיי איינפליסען ווי אזוי צו שטימען און אפעליערען צו דער דאנקבארקייט אלס אן אורזאכע צו זייער דאנקבארקייט אלס אן אורזאכע זאר זייער שטימען.

זאלען זיי זאגען אט די קליינע מענשעלאך וועלכע זענען ווי ווערימלאך ארויסגעקראכען אויף דער אבערפלעכע וואס האבען צו טהאן די וואהלען אין קענעדע מיט ענגלאנדס דעקלאראציע פאר פאלעסטינא, האט דען ענגלאנד נאך פיעל פריהער ניט ערקלעהרט איהר שטעלונג צו א אידען שטאט אין פאלעסטינא ? אדער האט עס ענגלאנד געטהאן צוליעב די קענעדער וואהלען?

וועמען זוכען זיי צו שיטען זאמד אין די אויגען ?

ווילען זיי ווארפען א חשד אויף דעם אידישען גוטען נאמען אז אידען זענען דאנקבאר ענגלאנד פאר איהר דעקלאראציע, און ווילען מיט זייער בריוועל אויספיהרען אז אויב וועלכער עס איז אידישער בירגער וועט שטימען פאר דער אפאזיציע איז ער ניט דאנקבאר ענגלאנד פאר איהר דעקלאראציע ?

ווער האט זיי גערופען און ווער האט נאך זיי געשיקט ?

עס איז יעצט א קאמף צווישען צוויי פארטייען, ביידע פארטייען זענען פאטריאטיש, ביידע פארטייען ווילען זיך ניט אבריייסען און חלילה בעטריגען די מוטער-לאנד ענגלאנד, עס איז בלויז א פראגע וועלכע פארטיי עס זאל געווינען און וועלכע עס זאל הערשען.

ווארום זשע האבען זיי אריינגעשלעפט דעם גוטען אידישען נאמען אין דעם ? ווער האט זיי געבעטען ?

מעג מען טאקע צוליעב א קאנטראקט פערקויפען אי זיך אי די נשמה ?

דער בריעף וועלכען זיי האבען ארום געשיקט איז א שאנדע פאר דעם גוטען אידישען נאמען די אונטערשריפטען זענען אזעלכע וועגען וועלכע עס ווילט זיך א ווארט ניט פארלירען, זיי זיינען ווייט פון דער אידישער גאס און הלואי ווייטער.

יעדער איד וועט טהאן א זעהר גוטע זאך ווען ער וועט דעם בריעף איגנארירען און ניט שענקען איהם די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט.

היינט דער חנוכה יום טוב

די פייערונג איז איינגעארדענט פון דער שלום עליכם ביבליא-טעק

די שלום עליכם ביבליאטעק האט אויף היינט אוונד לכבוד דעם אכטען ליכט'ל איינגעארדענט א חנוכה אוונט, און דער חנוכה וועט ארויסבעגלייט ווערען מיט א שעהנעם ליטעראריש - מוזיקאלישען אוונט, וואס פאסט זיך פאר דעם מאקאבעער יום טוב.

דער אוונט וועלכער וועט פארקומען פונקט אכט א זייגער אין "מוזישענס טעמפעל", אויף יוניווערסיטי עוו. וועט האבען א זעהר אינטערעסאנטע פראגראם.

עלוזא ברינהעם, א סאלא פיניסטען אוי סעם גריען, א וויאלאניסט, וועלען מיט דער ערלויבניש פון דעם האמבורג קאנסערוואטאריום אויספיהרען די מוזיקאלישע אבטהיילונג פון דעם אוונט.

יאסעלע, וועלכער דארף שוין מעהר ניט אז מען זאל איהם פארשטעלען, וועט לכבוד חנוכה זיין פערטראטען מיט א פאר שעהנע געזאנגען — נומערן.

שמואל מאיר שאפירא, וועלכער קען לעזען, וועט פארלעזען פון שלום עליכם'ן א חנוכה - זאך.

טילי בערמאן, חנה גאסמאן, רבקה און שיינדעל קאהען, שילערינס פון די פרין - שולען, וועלען דעקלאמירען און פארלעזען פון בעקאנטע אידישע דיכטער. און בן ציון נאטאנזאהן וועט זיין דער פיסט - רעדנער פון דעם אוונט, וועלכער וועט פארקומען אונטער'ן פארזיץ פון א. ריינוויין

א פראגראם איז פערהאן א גאנץ רייכע, און אן עולם ווערט אויך ערווארטעט אג רויסער, און דארום איז ווער עס וויל זיין זיכער מיט א גוטען פלאץ דארף זעהן צו קומען פריה.

עס וועט שוין איינמאהל זיין א חנוכה אוונט ! אן אמת'ער שלום עליכם חנוכה אוונט.

דער שמוציגער בלוט בלבול אויף די אידען פון סענטער טאראנטא

וואס דער יוניאניסטישער קאנדידאט פון סענטער טאראנטא האט געזאגט פאר ריכטער מאר-סאן אין געריכט. די באשולדיגונג וועלכע ער האט געמאכט.

פארשיעדענע בלבולים האבען שוין די אידען אויף זיך געהאט. בלוט בלבולים און אנדערע בלבולים וועלכע זענען געמאכט געווארען פון אזעלכע אידען פרעסער ווי קרושעוואן, שטשעגלאוויטאוו פראנטיים און עהנליכע.

די אנטיסעמיטען האבען אבער זיך אימער געהאלטען אין ראהמען פון אנשטענדיגקייט און זייערע בלבולים זענען געווען באגרענעצטע אזוי למשל ווען זיי האבען געמאכט דעם בייליס בלוט בלבול האבען זיי ניט באשולדיגט אלע אידען נאר זיי האבען געמיינט אז בלויז דעם א געוויסע אידישע סעקטע נויטיגט זיך אין קריסטליכע בלוט וועלכע זיי נוצען אויף פסח. דאס זענען געווען די באשולדיגונגען פון די גרעסטע אנטיסעמיטען אין דער וועלט, זיי האבען אבער ניט געהאט אין זיך די חוצפה צו אטאקירען א גאנצע פאלק אדער א גאנצע נאציאן.

אביסעל ווייטער אבער איז געגאנגען דער יוניאן קאנדידאט פון סענטער טאראנטא עדמאנד בריסטעל וועלכער האט אימער פיגורירט אלס א "אידען פריינד", ער האט זיך אונטערשטעלט צו באשולדיגען די מעהרסטע פון א גאנצער נאציאן און קאמפראמיטירען זיי אין אפענעם געריכט אז זיי זענען ניט לאיאל צו דער לאנד און צו די עלליים.

מיר גיעבען דא איבער א אינצידענט וועלכער האט פאסירט אין געריכט פאר דושאדוש מארסאן וואו עדמאנד בריסטעל האט געמאכט זיין באשולדיגונג.

אין געריכט אין סיטי האל זענען געווען ריכטער מארסאן, מר. מאלין דער אינספעקטאר פון די ליג אפיסעס, און דושאזעף זינגער דער באקאנטער אידישער לאיער.

געהאנדעלט האט זיך וועגען די אידישע שטימען וועלכע זענען אויסגעלאזען געווארען פון די "ענומערייטארס" אוי לאיער דושאזעף זינגער האט אפעלירט אז מען זאל זיי ארויפשטעלען אויף דער ליסטע, צווישען וועלכע עס זענען אויך געווען איינינגע קריסטליכע נעמען.

עדמאנד בריסטעל וועלכער איז דער יוניאן קאנדידאט פון סענטער טאראנטא איז דאן אריין אין געריכט און האט ערקלעהרט אז ער פארלאזט זיך דורכאויס אויף'ן פסק פונ'ם ריכטער בנוגע די דאזיגע נעמען.

לאיער דושאזעף זינגער האט דערצו צוגעשטימט.

אלעס איז גוט געגאנגען ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען די קריסטליכע נעמען, אזוי שנעל אבער ווי עס איז געקומען צו די אידישע נעמען האט עדמאנד בריסטעל וועלכער וויל די אידען פארטרעטען זיך אויפגעשטעלט און ערקלעהרט אז ער פארלאנגט זיי זאלען אליין קומען אין געריכט און זיך ווייזען ווער זיי זענען.

לאיער דושאזעף זינגער האט דאן געפרעגט בריסטעלן היתכן וואו איז דער אב מאך ?

עס האט אבער גאר נישט געהאלפען בריסטעל האט דורכאויס פארלאנגט אז אלע אידען זאלען קומען פערזענליך אין געריכט.

דושאזעף זינגער האט זיך דאן געווענדעט צום ריכטער מיט דער פאלגענדער ערקלעהרונג.

הער ריכטער! אלע די נעמען וועלכע איך האב אויף דער ליסטע 400 אין צאהל זענען נאטוראליזירטע אידישע בירגער וועלכע זענען געקומען פון רוסלאנד וואו זיי זענען געבוירען.

גלייך האט זיך אויפגעשטעלט עדמאנד בריסטעל דער גרויסער "אידען פריינד" און האט געזאגט :

"די מעהרסטע רוסישע ווע-גען וועלכע דער לאיער רעדט זענען אזוי שלעכט ווי די דייט-שען וועלכע ווילען ענגלאנד זאל פארלירען די מלחמה"

דארף מען האבען א גרעסערע חוצפה" ריגען און שמוציגערען בלבול, לעבען מיר אין א דעמאקראטישער ציוויליזירטער לאנד אדער לעבען מיר אין דער אמאליגער פינסטערער רוסלאנד אונטער צאר ניקאלאיס רעזשים ?

וועמען וויל עדמאנד בריסטעל פארטרעטען, די אמאליגע קליקע פון צאר ניקאלאיס הויף אדער פרייע בירגער פון סענטער טאראנטא וועלכע וואוינען אין אזא פרייער לאנד ווי קענעדע ?

וועמען האט עדמאנד בריסטעל אטאקירט א פריינד אדער א שונא.

די אידען נעגען וועלכע עדמאנד בריסטעל איז ארויסגעטראטען האבען זיינע קרובים און פארוואנדטע אויף די שלאכטפעלדער, מען האט זייערע קינדער אויך גענומען דא פון קענעדע.

ווייס דער גרויסער "אידען פריינד" עדמאנד בריסטעל אז אויב אימיצער הא[ט] גאליציען און דער יעצטיגער מלחמה [...] נען עס געווען אידען.

מען האט ניט געצוואונגען קיין ענגלענדער זיך צו שלאגען נעגען ענגלענדער און קיין אמעריקאנער געגען אמעריקאנער. אידען זענען אבער געצוואונגען געווען אויפצוהויבען דעם שווערד געגען זייערע אייגענע ברידער, רוסישע און פוילישע אידען האבען זיך געשלאגען מיט עסטרייכישע און דייטשע אידען, דארף מען האבען א גרעסערע טראגעדיע, די אידען האבען אבער זייער בלוטיגע פראבע אויסגעהאלטען, און זענען געבליבען לאיאל צו יעדעס לאנד וואו זיי האבען זיך געפונען.

אזא גרויסע טראגעדיע ווייזט אויס קען ניט באגרייפען אזא קליין נשמהלע ווי עדמאנד בריסטעל פארמאגט, און איז ארויס מיט אזא חוצפהדיגען בלבול.

עס בלייבט איבער פאר די אידען פון סענטער טאראנטא איהם אויף דעם צו ענטפערען.

דאס וואס גרעסערע פאר איהם האבען ניט געטהון האט ער געטהון.

סטרייקער האבען היינט א פארזאמלונג

היינט ביינטאג וועלען זיך די סטרייקענדע רעג - ארבייטער פערזאמלען אין בראדוויי האל, אום צו ערקלעהרען די אורזאכע פון דעם סטרייק פאר'ן ברייטען עולם, די טענות און די אורזאכען פון די סטרייקער האבען מיר שוין איבערגעגעבען, ערקלעהרען אבער די בעלי בתים, אז זיי האבען אויך וואס צו זאגען בנוגע דעם סטרייק. אין דעם סטייטמענט, וואס א קאמיטע פון די בעלי בתים האט אונז איבערגעגעבען, זאגען זיי :

"מיר האבען געלעזען דעם סטייטמענט פון אונזערע ארבייטער, דאס מיר האבען זיי ארויסגעווארפען פון אונזערע שעפער, און דער סטייטמענט איז ווייט פון צו זיין אמת. זיי ריידען וועגען זייער שקלאפעריי. אין דער צייט ווען זיי האבען גענומען פון 18 ביז 22 דאלאר א וואך פאר 45 שטונדען. אויסער ערב שבת און ערב יום-טוב, ניט רעכענדיג זיך צו עס איז פארהאן ארבייט צו ניט, צו מען דארף אזוי פיעל ארבייטער צו ניט. לעצטענס האבען זיי נאך געפאדערט 3 דאלאר א "רייז", א זאך וואס עס איז אונז אונמעגליך געווען נאכצוגעבען, חוץ דעם ווילען זיי אויך בייטען יעדען טאג די ארבייטער פון איין שאפ אין צווייטען, און דאס איז א זאך וואס מיר קענען ניט נאכגעבען".

אזוי ערקלעהרען די בעלי בתים. און פערשטעהט זיך, אז מיר דרוקען זייער סטייטמענט אויף זייער פעראנטווארטליכקייט.

דערווייל אבער האט שוין דער סטרייק אויך א וויכטיגען אינצידענט.

מר. העלער, גראנאטשטיינס א שוואגער, וועלכער איז בעשטימט געווארען אלס אויפזעהער פון דער מיהל אין גראנאטשטיינס שאפ אין דער צייט פון סטרייק האט דאנערשטאג פערלוירען א האנד דורך א מאשין און איז צוגענומען געווארען אין האספיטאל.

גרויסע שלאכטען ארום ראסטאוו

באלשעוויקעס שיקען קאזאקען איבערצוריידען די קאזאקען פון קאלידענים זיי זאלען פארלאזען זייער פיהרער.

פעטראגראד דעצ. 15

ווי עס ווערט באריכטעט האבען די באלשעוויקעס ארויסגעשיקט 100 קאזאקען וועלכע זאלען זיך אנשליסען אן דער קאלידענים ארמיי און זעהען ווירקען אויף די איבעריגע קאזאקען זיי זאלען פארלאזען זייער פיהרער.

לויט א באריכט פונ'ם שטאב פון די באלשעוויקעס איז דער רעזולטאט פון דער שלאכט ארום בעלינאראד צווישען קארנילאווס ארמיי און דער ארמיי פון די באלשעוויקעס געווען צו גונסטען פון די באלשעוויקעס.

עס ווערט באריכטעט אז גענעראל קארנילאווס ארמיי וועלכע איז באשטא-נען פון קאזאקען האט זיך צוריקגעצויגען ביז צו וואסיליעק.

וועגען דער שלאכט וועלכע איז פארגעקומען ארום ראסטאוו מעלדען די רוסישע "אוונד" צייטונג אז די קאזאקען זענען ארום די זועגער און אז די ארמיי פון די באלשעוויקעס האט זיך צוריקגעצויגען איבער'ן דאן צו נאכיטשעוואן.

עס ווערט אויך באריכטעט אז אין דער שלאכט ארום בעלינאראד זענען 50 געטויטעט און 80 פארוואונדעט געווארען פון קארנילאווס סאלדאטען קארנילאוו אליין איז פארשוואונדען.

די באלשעוויקעס האבען פארנומען טאמאנאווקא און קאלוגא.

היינט די זאמלונג פאר'ן פאלעסטינא ארבייטער פאנד

אויב די זאמלונגען פאר'ן פאלעס - טינא ארבייטער פאנד זענען נויטיג געווען אין די פריהערדיגע יאהרען, זענען זיי היינט פון דער גרעסטער נויטווענדיגקייט. אין דער צייט ווען דער טויזענד יעהריגער חלום האלט ביים פערווירקליכט ווערען, און עס איז קיין צווייפעל, אז די היינטיגע זאמלונג וועלכע ווערט דורכגעפיהרט אונטער דעם אויפזיכט פון די פועלי ציון און פערבאנד ברענטשעס וועט זיין אן ערפאלגרייכע

ארץ ישראל ווערט אונזערע, און אלע מוזען מיר העלפען אויפצובויען די פרישע חורבות.

פעליקס קאלאנדער פרעזידענט פון שווייצאריען

בערן דעצ. 15.

פעליקס קאלאנדער דער ביז יעצטיגער וויצע פרעזידענט פון שווייצאריען איז נעכטען ערוועהלט געווארען פרעזידענט פון שווייצאריען פאר'ן יאהר 1918.

דר. עדווארד מילער איז ערוועהלט געווארען וויצע פרעזידענט.

עס וועט זיין אן אמת'ער עונג שבת

די בשורה אז חזן יאסעלע ראזענבלאט וועט דאווענען א שבת אין טאראנטא האט אויפגערודערט דעם אידישען קווארטאל: דאס איז דאס ערשטע מאל וואס חזן ראזענבלאט וועט לאזען הערען זיין זיסע שטימע אין טאראנטא, דער שבת וועט געווים זיין א יום טוב ביי די טאראנטער אידען און וועט פערבלייבען אויף לאנג אינ'ם זכרון.

מען דארף אבער אויך ניט פערגעסען אז דער צוועק פון דיזען דאווענען איז אזעלכער, וואס יעדער איד מוז עס אונטערשטיצען, די גאנצע איינגאהמע געהט פאר די מלחמה קרבנות.

די פרייזען פון די טיקעטס זענען גענמאכט געווארען, גאנץ בילינע אום יעדער איד זאל קענען הערען דעם גרעסטען אידישען חזן.

היינט וועלען די וואלונטירען פון מלחמה קאנפערענץ האבען די טיקעטס צום פערקויפען. לאזט זיך ניט אוועק מיט'ן לייזיגען, קויפט א טיקעט, און איהר וועט האבען געטהון אייער פליכט.

די שיף "קורלאנד" געזונקען

לאנדאן דעצ. 15

די שיף "קורלאנד" איז געזונקען געווארען אין א "צוזאמענשטויס" אזוי איז היינט באריכטעט געווארען פון דער אדמיראליטעט.

עס געפינען זיך דריי שיפען מיט'ן זעלבען נאמען צוויי זענען רוסישע און איינע איז א בעלגישע הילפס שיף, די לעצטע איז פון 1964 טאן.

שיקט געלד — דורך — מר. ה. וויינבערג פרעזידענט פון אידישען זשורנאל. לויט'ן טאגעס סורס

שטיצט דעם פאלעסטינא ארבייטער פאנד נעהמט היינט אויף די קאסיטען פריינדליך

1917 ...טער דעצעמ.
HIPPOD...
The G. KAS... Co. 145½ Qu...

אין נעץ פון ווייסער שקלאפעריי

א ראמאן פון דעם אידישען ארבייטער לעבען אין אמעריקא

פון אלבערט עדווארדס (אידיש פון יוסף קרינגער)

(70-טע פארזעצונג.)

אמת, זי איז אפילו דאן אויך געווען חנ'עוודיג, אבער דאס איז נים געווען קיין פערגלייך צו דער איצטיגער יעטא.

איהר פנים וועלכעס האט פערלוירען א טייל פונ'ם פריהערדיגען צארטקייט האט אבער איצט צוגעקראגען אין שעהנקייט. פריהער זענען איהרע שעהנע גרויסע אויגען געווען א דיסהארמאניע אין איהר אויסגעצארטען פנים אבער איצט האט אלעס אזוי וואונדערבאר הארמאנירט און דער אויסדרוק פון איהר פנים מיט איהר געדיכטען קאפ ברוינע בליסטשענדיגע האר האבען אויסגעזעהען ווי א גרויסער מוזיקאלישער ארקעסטער מיט פערשיעדענע אינסטרומענטען, וועלכע גיבען פון זיך ארויס א הימלישע הארמאנירענדע מוזיק. איהר מויל וועלכעס איז פריהער אויך געווען אין זעהר א גוטער פראפארציע איז ערשט געווען א פערפעקטער אינסטרומענט. דאס מויל האט געקאנט רעדען וועגען טויזענדער זאכען פון וועלכע זי האט נים געהאט קיין אהנונג אין די פריהערדיגע יאהרען. איהרע אויסדרוקען איפ'ן פנים האבען זיך געענדערט טויזענדער מאהל אין א מינוט. בעוויזענדיג אלע מאהל די טיפע איבערלעבענישען פון געפיהלען.

„האט איהר געהאט א גוטע רייזע?״

„זעהר גוט, מיר האבען געהאט א שטורעם דעם גאנצען וועג.״

נאך עטליכע אנדערע אזעלכע איינגעבע פראגען און ענטפערס האט וואלטער מיט אמאהל ארויסגעפלאצט:

„גרויסער גאט! זעהט נאר, וואס פאר א גרויסער איבערבייט אין אייך איז פארגעקומען.״

יעטא האט געהאפט אז די ערשטע זאך וועט ער נעהמען אונטערזוכען איהר ארבייט וואס זי האט אויפגעטוהן פאר דער גאנצער צייט, אבער ער האט גאר בעוואונדערט איהר פערזענליכען אויסזעהן. דער רויטער קאליר איז איהר געקומען אין פנים אריין. זי האט זיך שטארק פערשעהמט, און האט זיך אוועקגעדרעהט מיט'ן פנים פון וואלטער'ן.

„דא האט איהר א צעטעל פון מייבעל׳ן.״

וואלטער האט עס גענומען און מיטבאניש איבערגעקוקט. זי האט איהם געלאזען וויסען דאס עלעגאנרא האט איבערדעקארירט זייער זומער וואוינונג און זי איז דערפאר ארויסגעפאהרען אויף עטליכע טעג פארברענגען דארטען מיט איהר. וואלטער האט פערשטעקט דאס צעטעל אין קעשענע גאנץ גלייכגילטיג.

„דא האט איהר אלע רעסיטס, טשעקס און אלע אנדערע פאפירען פון דער גאנצער צייט.״

„גיין, יעטא, מיך אונטערסוכען איצט ניט די אלע קלייניגקייטען. איך וויל אביסעל רעדען מיט אייך. ווי אזוי געהט אן אייזידאר מיט זיין צייטונג?״

„עס איז ניטא נענוג געלד״, האט יעטא געענטפערט מיט א טרויעריגער מינע. „אויפ'ן נעכטיגען עדיטאריעל איז געווען א נאטיץ דאס אויב עס וועט ניט געשאפען ווערען פינף טויזענד דאלאר היינטיגע וואך וועט די צייטונג מוזען אויפהערען צו ערשיינען. איך רעכען אז א טויזענד דאלאר וואלט דערוויל געווען גענוג ווייטער אנצוגעהען ביז זיי וועלען קריגען דאס איבריגע געלד. אבער וואס קומט ארויס, אין א פאר וואכען וועט זיין די זעלבע זאך. איך האב מורא אז די צייטונג איז פארורטיילט צום אונטערגאנג.״

„איך האב זעהר פיעל נאכגעטראכט וועגען דעם: האט וואלטער געזאגט. „אז אייזידאר האט אונטערנומען צופיעל. א טעגליכע צייטונג איז מעהר ווי ער קאן פארטראגען. די הוצאות איז אזא געוואלדיג גרויסע. עס איז נאך דערצו ניטא קיין גרויסע סאציאליסטישער לעזער־קרייז אויף צו קאנען אויסהאלטען א טעגליכע צייטונג. איך רעכען אז מיין פלאן וועגען א גוטער, אמת׳ סאציאליסטישער וועכענטליכער צייטונג וואלט געווען א גוטער ערפאלג.״

וואלטער האט פאר איהר פארגעלעגט דעם גאנצען פלאן מיט אלע איינצעלהייטען, און שילדערענדיג פאר איהר ווי אזוי אלע דריי וועלען שטענדיג זיין בעשעפטיגט מיט דער צייטונג און דאס זייער איינציגער אידעאל אין לעבען וועט זיין, צו לערנען די ארבייטער פערשטעהען דעם סאציאליזם. יעטא איז שטארק באצויבערט געווארען פאר זיינע רייד און זי האט ניט געהאט קיין סך וואס איינצווענדען נעגען זיינע פלענער. כאטש ביי זיך האט זי געוואוסט דאס אייזידאר וועט ניט אזוי לייכט וועלען צושטימען צו א וועכענטליכער צייטונג.

בשעת וואלטער האט געהאלטען אין רעדען האט יעטא געהאט א גוטע געלעגענהייט צו בעטראכטען איהם פון קאפ ביז די פיס. זי האט שוין אין איהם ניט געזעהען דעם גאט ווי זי האט זיך דאס פארגעשטעלט אין איהר חלום, אבער דערפאר האט זי געזעהען דעם רויטען שלייפעל ביי איהם אין לאץ. זי האט געוואוסט אז דאס איז דער עהרען־אבצייכענונג וואס ער האט אין פראנקרייך. זי האט אויך געהאט א געלעגענהייט נאך באמערקען אויף איהם אביסעל פון דעם ברוינעם קאליר וואס די פערסישע זון האט איהם צוגעגעבען זייענדיג מיט דער עקספעדיציע. צווישען זיינע האר האבען זיך בעוויזען איינצעלנע גרויע קאפ. אבער, אי זאלגעמיין האט ער אויסגעזעהען ריעזיג שטארק. יעטא האט געוואוסט אז וואלטער קאן פערנעהמען זעהר א בכבוד'יגע שטעלע אין דער וויסענשאפטס וועלט, און דא גאר וויל ער אלעס פארלאזען זיין גאנצען כבוד און פאפולאריטעט און זיך אבגעבען מיט'ן שרייבען פאר א סאציאליסטישער צייטונג. און אויב זי האט איהם ביז איצט פארגעטערט און געהאלטען פאר א מלאך, האט זי איהר איצט אנגעפאנגען ליעב צו האבען אלס מענש.

„זעהט נאר״, האט ער זיך אליין איבערגעשלאגען די רייד. „די צייט צו עסען מיטאג איז דאך שוין לאנג פאראיבער. קומט לאמיר אריינגעהען אין לאפאיעט קאפע. זענען דארטען פאראן ווער פון די אלטע קעלנער?״

אין לאפאיעט איז צוגעגאנגען דער איינגענטימער צו זייער טיש און געפרעגט ביי וואלטערען צו ער זאל צורופען דעם פראנצויזישען קאנסיל, וועלכער האט צופעליג דארטען געגעסען מיטאג. וואלטער האט איינגעוויליגט. דער קאנסיל האט געהאלטען א פארמאלע רעדע גראטולירענדיג וואלטער'ן מיט זיין רויטען שלייפעל.

ווען די צערעמאניע איז געווען פאראיבער האט וואלטער פארפיהרט מיט איהר א געשפרעך וועגען איהר אליין און פערלאנגט פון איהר צו דערצעהלען איהם אלעס וועגען זיך. ווען זיי זענען פארטיג געווארען מיט'ן עסען האט וואלטער איהר געמאכט א פארשלאג ארויסצופאהרען פון שטאדט.

„אין שטאדט איז אזוי מורא'דיג היים. קומט לאמיר ארויספאהרען אין סטענטען איילענד, מיט א פערי״.

„איך דארף ארויפגעהען אין דער ליעג״ האט זיך יעטא געפרואווט ארויסדרעהען.

„אי, וואס קימערט אייך היינט די ליעג. איך קום ניט צו פאהרען אלע טאג אין יאהר פון פערסיען. קומט איך וויל מיר מאכען א יום טוב״.

דער טאג איז געווען זעהר א הייסער און טויזענדער מענשען זענען זיך צולאפען פון שטאדט. נאך א שטיק צייט שטויקעניש אויף דעם „עלעווייטער״ און פערי האבען זיי זיך אויסגעזוכט אן איינזאמען פלאץ אויפ'ן ברעג פונ'ם ים און דארטען האט וואלטער אויסגעהערט אלעס וואס יעטא האט געטהין מיט זיך אין פערלויף פון די פערגאנגענע דריי יאהר. יעטא האט איינגעזעהען דאס וואלטער פערשטעהט זי זעהר גוט און זי האט איהם דערפאר אלעס אויסדערצעהלט. זי האט איהם אויך דערצעהלט פון איזידאר'ס הייראט'ס פארשלאג און ווי שטארק ער איז אונרוהיג געווארען ווען זי האט איהם ענטזאגט.

„וועט דאס אפשר זיין א שטערונג פאר אונז דריי צו ארבייטען צוזאמען אין דער צייטונג?״ האט וואלטער געפרעגט.

(פארזעצונג פאלגט)

ווען איהר געהט צו דער ארבייט בעזארגט איהר אייך מיט עסען

פאר וואס זיך אויך ניט באזארגען מיט א צייטונג

פאר וואס זאלט איהר ניט וויסען דעם זעלבען טאג וואס עס האט געטפען פאסירט אין אייער שטאדט, אין ארום אייך, וואס עס האט פאסירט אויפ'ן שלאכט פעלד וואס עס הערט זיך אין אייער אלטער היים, וואס עס טהוט אייער פריינד און בעקאנטער אין א צווייטער שטאדט לעבען אייך. פאר וואס ניט וויסען וואס עס טהוט זיך אין אייער סביבה, וואס עס האט פאסירט אין אייער ארגאניזאציע, סאסייעטי, ווי עס האלט מיט כלל ארבייט, ארבייטער פראגען און אזוי ווייטער.

איהר קענט אבער דאס אלעס וויסען, ווען בעפאר איהר געהט צו דער ארבייט קויפט איהר דעם

אידישען זשורנאל

א צייטונג וועלכע האט די וויכטיגסטע פאסירונגען אין זעלבען טאג.

„דער אידישער זשורנאל״

גערפינט זיך היינט צו פארקויפען 6.30 יעדען פריה מארגען אין פאלגענדע פלעצער

ל. זילענקא — 840 דאנדעס וועסט. (נעוועזע ארטור סט.)	האפמאן — 339 ספעדיינא עוו.
דווארקין בראדערס עליזאבעט און דאנדעס סט.	סאסקין — 132 ניעססע
הערמאן 167 סט. פעטריק	קופער — 103 בראנזוויק עוו
יודקין — 465 קווין סט. וועסט	מארין 1 מיטשעל עוו.
מארפעלד — 867 קווין וועסט	גודמאן — קארנער לואיזע און טשעסנאט
זאקהיים — 89 אסינגטאן עוו.	מארקאוויטש — 60 טעראלי
קרעמער — 277 מענינג עוו.	דרוגמאן קארנער עגנעס און טע ראלי (יעצט 100 דאנדעס סט. וו.)
מארקטאני — 804 דאנדעס וועסט (נעוועזע ארטור)	וואלף 62 יוקליד עוו.
פערעלמוטער 226½ מארקהאם	קארצער 77 פאלמערסטאן עוו.
וויערניק, 794 דאנדעס.	לעווינזאן 176 טעראלי
גרענט — 126 דעניסאן עוו.	גאלדשטיין — 29 דזשעראַרד
פרידמאן — 48 קענזינגטאן עוו.	שולאקער — 176 אנטאריא
הימעל — 78 קענזינגטאן עוו.	פרעגקעל 380 קווין איסט
	מ. גינזבערג 276 ספעדיינא עוו.
	וואלערשטיין 332 ספעדיינא עוו
	פליישמאן, 679 קווין וועסט

„דער אידישער זשורנאל״ גיט אב פיעל פלאץ פאר לאקאלע פאסירונגען אין וועלכע איהר זענט געוויס פאראינטערעסירט און טאסע דערי־אר קויפט א צייטונג בעפאהר איהר געהט צו דער־ארבייט

סטארס וועלכע ווילען האבען דעליווערט דעם זשורנאל זאלען זיך מעלדען הערכן טעלעפאן אד. 3967 אדער דורך א פאסט קארד און אונזער פארטרעטער וועט זיך מיט זיי דורכריידען.

צירקולישאן מענעדזשמענט
פון דעם אידישען זשורנאל.

וואָרום ניט פאטראניזע

הזן קאפלאן

חזן קאפלאן דארף פאטראניזט ווערען פון אלע אידען יעדער וויים ווארום, פאטראניזען חזן קאפלאן מיינט דאס איהר מהוט אייער מענשליכע פליכט צום ריכטיגען פערזאן וועלכער האט עס פערדיענט אין די לעצטע 11 יאהר אין טאראנטא.

חזן קאפלאן מוהל ומסדר קדושין 73 בראנזוויק עוועניו. טעלעפאן קאלעדזש 4149. אפיס טעלעפאן ארעלייד 289.

אברהם סאחעז

בארריסטער

נאטארי פאבליק

קאמישאנער פיר נעהמען אפידייווימס

Office, Sun Life Building
69 VICTORIA STREET
Main 2684
Residence, 7 Salem Ave. JUNCTION 1845

פאקטאר און שולמאן

באריסטערס, סאליסיטארס

לאא אפיס

וועזלי בילדינג, 299 קווין סט. וועסט קארנער קווין און דזשאהן סט. טאראנטא.

טעלעפאן אדעל. 3157

מ. בראון

פייער, לייף, עקסידענט, פלייט גלאז, און אויטאמאביל אינשורינג.

איך פליים פייער אינשורינגס אויף בילדינגס, פארניטשור און סטאק אין די זיכערסטע טאריף קאמפאניעס. שנעלע אטענדינג און ראיעלע בעהאנדלונג גאראנטירט.

M. BROWN
147 Seaton St., Phone M. 2364

דר. ד. א. סיגעל

דענטיסט

קארנער סט. פעטריק סט. און ספעדיינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלידזש 6073, הויז טעלעפאן קאלעדזש 6287

ט. גרייזמאנס

ניו־יארק כשר ווארשט סטאר און דעליקאטעסען

האלסייל און ריטייל

קאנטרי ארדערס דעליווערט

70—72 טשעסטנאט סטריט

טעלעפאן מיין 6203

גוטע געלעגענהייט פאר די וועלכע ווילען לערנען מיוזיק

פראפעסאר י. גנאז

גיעט פריוואטע לעסאנס אויף אלע אינסטרומענטען אויך טהעאריע און גארמאניע מעסיגע פרייזען.

וואוינט זיך 315 אגוסטא עוו.

טעלעפאן קאלעדזש 1368.

פון 5 ביז 7.30 נאכמיטאג.

ביזנעס שאנסען

רייזערס צו פיקסען

רייזאר קליננלאף געשארפט פון עקספערטען 1 ניקעל, 35 סענט א ראזען עווער רעדי 25 סענט. שיקט צו אלבערט קיען עירוש קאמפאניע 180 באטהורסט סטריט טאראנטא, טעלעפאן אדעלייד 153.

11448—1—1

איך פייפער און פיינט מיט די בעסטע פיינט און שעהנסטע פייפער צו די ביליגסטע פרייזען און גאראנטיר צופריעדנהייט.

סעם קאטין 56 אגוסטא עוועניו. טעלעפאן קאלעדזש 6642.

12364—20—12

מיר פיקסען גרעוועל דעכער און נייע אויך פיקסען מיר פארנים און אלע בלעכער ארבייט אלעס איז גאראנטירט מיט ביליגע פרייזען 1160 דאנדעס וועסט קארנער אססינגטאן עוו. טעל. קאלעדזש 2096 וויינטרויב און בלום.

12342—12—18

אויפמערקזאם

פאלגענדע לעסאנס ווערען געגעבען פון פריוואטע לעהרערס, אין אלגעברא, געאמעטריע, פראנצויז, ענגליש און ספעלינג אויך דיזיינינג לעסאנס ביי ליידיעס גארמענטס וועט געלערענט ווערען פון א ספעציעלען לעהרער. לעסאנס ווערען געגעבען ביי טאג אין הויז און אין אווענד אין סקוהל 356 יוראן סט.

מ. ארענשטיין, פרינציפאל

12471—12—23

איינוואוינער פון יוקליד עוו.

פון היינט אן און ווייטער דארפט איהר ניט ווארטען ביז דער פעדלער דער לאנגט אייך דעם „אידישען זשורנאל״ איהר קענט איהם באקומען יעדען פריה מארגען אין 62 יוקליד עוו. ביי מר. וואלף. באשטעלט דארט א צייטונג־פאר אייך.

אוריין אייספליסונגען קוריט אין 24 שטונדען

SANTAL CAPSULES MIDY

יעדע קייל האט דעם נאמען MIDY

היט זיך פאר נאכמאכטע

שעכטער'ס

סטאר איז דער איינציגער פלאץ, וואו אלע אידען, האמילטאנער און פרעמדע קומען זיך צוזאמען. ס'איז א פלאץ וואו יעדער איד (אדער פרוי) צו יעדער צייט בעקומט די בעסטע אויסקינפטע וואס איז איהם (אדער איהר) נויטיג.

שעכטער איז דער איינציגער אין האמילטאן וואס קען צו יעדער צייט ארויסגעבען סיגארן פייפערס, מאגאזינס לוי סענס, גוטעצליכע דאקומענטען, אויס שווערען אפידייוויטס, שטעפן פאספארטען א. ז. וו.

שעכטערס סטאר איז דער איינציגער פלאץ אין האמילטאן וואו צו בעקומען אידישע צייטונגען און זשורנאלען, א גרויסען אויסוואהל פון נאציאנאלע און רעליגיעזע ארטיקלען ווי: סדורים, מזוזות טליתים, ציצית, מוזיק נאטען, ראמאנען, ביכער צו לעזען ביי דער וואך א. ד. ג. אויך א אב — טו — דייט סטאק פון דריי גודס, און מענס פורנישינגס. סטאר אפען יעדען אווענד.

געדענקט דעם אדרעס: שעכטער, קארנער יארק און פארק. טעלעפאן 5416 איין בלאק פון סיטי האל.

James L. SHEKTER
Justice of the Peace, Issuer of Marriage Licenses and Citizens Papers

בלויז חזן וואלאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג

אלם מוהל

און אלס מסדר קדושין

אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט וויל דאס איז זייער איינענעם בענעפיט. קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען אויף זייערע שמחות.

וואהנונג 62 בראנזוויק עווניו, און טעלעפאן קאלעדזש 1076.

פיר צרימע אומזאנסט.

צו פערענטען

א שעהנע פראנט רום צו פערענטען סטים היטינג, אלע קאנוויניענס, פאר נישט אויב פערלאנגט, 61 בארדען סט.

א הויז צו פערענטען 8 רומס סטים היט אין 26 אירן פליין נאכפרעגען 70 מארקהאם סטריט.

צו פארענטען 4 גרויסע רומס דאן סטערז. נאכפרעגען 70 מארקהאם סט.

12549—16)

צו פארענטען א שעהנע פארנישד רום 119 מיידזשאר סטריט.

12541—12—16)

צו פערענטען א 8 רומיגע הויז מיט אלע קאנוויניענס 211 מיקאל סטריט

508—12—18

צו פערענטען א סטאר און דוועלינג אין 163 טעראלי סטריט, זעהר ביליג, גוט פאר בוטשער אדער גראסערי. נאכפרעגען 29 קווין סטריט וועסט

12517—12—19

צו פארענטען 3 רומס אלע קאנוויניענס ביליג רענט, 50 פהיבי סטריט

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט איין אנשטענדיגען מאן מיט רעפערענס צו קאלעקטען רענט און מענעדזשען הייזער, א וואוינונג און סעלעריע וועט געגעבען ווערען. נאכפרעגען בעקער 265 גלעדסטאן עוו.

12545—12—18)

פערלאנגט א פרוי צו קאָכען און אטענדען די הויז צו א קליינע פאמיליע פון 3 גרויסע מענשען, א גוטע הויז און גוטע וויידזשעס צו דעם ריכטיגען פערזאן, אדער א קאפעל, אז די פרוי זאל העלפען אין הויז, און וועלען קריגען 3 שעהנע רומס מיט בעהייצונג און בעלייכטונג און סעלעריע אויך. נאכפרעגען 265 גלעדסטאן עוו. בעקער.

12545—12—18)

פערלאנגט עקספיריענסד לייזינג מאכערס צו קעפס. סטעדי ארבייט, גוטע וויידזשעס. נאכפרעגען דזשיי סעמיולס און סאנס 77 פיטער סטריט.

ראעל קלאוק קא. 47 באטהורסט סט. טאפ פלאר. סליוו מייקערס פער לאנגט צו מענער ארבייט, אויך בייסטערס צו לערנען, געצאהלט אויף דער צווייטער וואך.

12556—12—17

א יונגער פעהיגער מאן מיט א פערד פערלאנגט ארבייט ביי וועלבע ארבייט עס איז. נאכפרעגען 60 קענזינגטאן עוו.

12504—12—17

פערלאנגט א קעכין פאר א פריוועט פאמיליע בעצאהלונג 40 דאלאר א מאנאט. נאכפרעגען 337 שערבורן סט באכראף.

12530—12—23

פערלאנגט פינישערס און בייסטערס אין אפרייטארס צו וועסטען. נאכפרעגען מר. לאיסטין, ארט טיילארינג קארנער קאלעדזש און מארקהאם סטריט.

פערלאנגט א גוטען מענער שניידער צו סעקאנד הענד ארבייט. פרעגען מר. שולץ 1076 קווין סט. וועסט.

12539—12—16)

פערלאנגט עקספיריענסד סעמפעל מייקערס צו קלאוקס און סוטס, נאכפרעגען פאסלאנס סאן עט קאמפ. 296 ריטש מאנד וועסט.

1252—16—1

איין גוטע קעכין ווערט פערלאנגט ביי ה. מארקוס, קאמערסיאל האטעל יארק סטריט העמילטאן

פאר רעפרענס זיך ווענדען צו רו־בינאף 188 דאנדעס סט. טאראנטא.

12555—17—12

ביזנעס פראפערטי צו פערקויפען

קאנטרי סעקאנד הענד סטארס מוזען נעהמען נאטיס

צו פערקויפען 70 סוטס און 60 סיגעל קאוטס, א גרויסער סטאק אווער קאוטס צו די ביליגסטע פרייזען. נאכפרעגען מ. פעדראווסקי 822 דאנדעס סט. וו.

12481—1—7)

איבערצוגעבען א ביזנעס גאראנטירט א לעבען צו מאכען 36 באלדווין סט.

12510—12—17

פאטראניזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יאהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3087

ווארט נים לאנג, טעלעפאנירט גלייך

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, — 10 TERAULEY ST

דאס שרעקליכע געהיימניס

(פון שערלאק האלמס געשיכטען)

פון א. קאנאן דאיל

(5-טע פארזעצונג)

"מיין נאמען, טייערער זוהן, איז ניט טרעוואר. אין מיין יוגענד האב איך גע היימען דזשעמס ארמיטעדזש. איצט פער שטעהסטו שוין, פארוואס איך האב זיך אזוי דערשראקען, ווען מיט איינינע טעג צוריק האט דיין קאלעגע דערמאהנט די ערשטע אותיות פון אמת'ען פאמיליען נאמען איך האב געמיינט, אז ער האט ענטדעקט מיין געהיימניס.

„אונטער דעם נאמען ארמיטעדזש בין איך אנגעקומען אויף א שטעלע אין א לאנדאנער באנק און אונטער דעם זעלבען נאמען בין איך בעשולדיגט געווארען, אז איך האב עובר געווען אויף די געזעצען פון מיין לאנד און בין פעראורטהיילט געווארען צו קאטארגע.

„אבער טראכט ניט צו שלעכט וועגען מיר, מיין זוהן. איך האב דעמאלט געמוזט בעצאהלען א כבוד־חוב. קיין געלד האב איך ניט געהאט, און דעריבער האב איך בעצאהלט פון דעם רעגירונגס געלד, און איך בין געווען גאנץ זיכער אז ביז דער רעוויזיע וועל איך קענען אויסצאהלען די פעהלענדע סומע.

אבער א גאנץ לעבען איז מיר ניט גע גאנגען. דאס געלד, אויף וועלכע איך האב גערעכענט, האב איך ניט דערהאלטען, און פלוצלונג איז געווען א רעוויזיע און מע האט ענטדעקט מיין פערברעכען. איצט וואלט מען מיך אפשר ביי אזעלכע בעדינגונגען פריי געשפראכען, אבער מיט דרייסיג יאהר צוריק זענען די ענגלישע געזעצען געווען פיעל שטרענגער, און דעריבער בין איך צו דריי און צוואנציג יאהר פון מיין לעבען פלוצלונג ארויס־געפיהרט געווארען אויף'ן שיף „גלאריא סקאט", וועלכע האט געפיהרט קיין אויס־טראליען 37 פערברעכער וואס זענען אויך געווען ווי איך פעראורטהיילט צו קאטארגע.

„דאס איז געווען אין יאהר 1855, אין סאמע מיטען פון דער קרימער מלחמה ווען די אלטע שיפען אין וועלכע מען פלעגט פיהרען קאטארזשניקעס, פלעגט מען בענוצען צו איבערפיהרען מיליטער אין שווארצען ים. די פערברעכער האט מען געפיהרט נאך אין ערגערע שיפען. צום ערשטען איז „גלאריא סקאט" בענוצט געווארען פארן כינעזישען טהע־האנדעל, אבער די נייע שיפען האבען זי ארויסגעשטויסען. דאס איז געווען א שיף, וועלכע האט ענטהאלטען 500 טאן, מיט א קאמאנדע וואס איז בעשטאנען פון 26 מאטראזען, 18 סאלדאטען א קאפיטאן, דריי זיינע געהילפען, א דאקטאר א כהן און 4 אויפזעהער. ווען מיר זענען ארויסגעגאנגען פון פאלמוטה זענען אין שיף געווען ארום און ארום הונדערט מאן. די ווענטלאך צווישען די קאיוטען אין וועלכע עס זענען געזעסען די פערברעכער זענען געווען דינע, וועהרענד אין די ספעציעלע שיפען צום איבערפיהרען פערברעכער זענען דיזע ווענדטלאך געמאכט געווארען פון דיקען אייכענהאלץ. גלייך נעבען מיר איז געווען איינגעשלאסען א מענש, אויף וועלכען איך בין גלייך געווארען אויפמערקזאם נאך אויף'ן וועג פון טורמע־שלאס צום האפען. דאס איז געווען א מענש מיט אן אפען הארלאזעס געזיכט, מיט א לאנגען דינעם נאז און מיט שטארקע קינבאקען. לויט זיין הויך געוויקס האט ער זיך געהאלטען זעהר גראד און איז געגאנגען זעהר שעהן, טראגענדיג דעם קאפ שטאלץ אין דער הויך. זיין מוטהיג געזיכט וואס איז געווען פול ענטשלאָסענהייט און ענערגיע, האט זיך גלייך ארויסגעצייכענט ווישען אלע איבעריגע פערברעכער, וואס האבען אלע אויסגעזעהען דערשלאגען און אויסגעפייניגט און וואס קיין אייגער פון זיי האט ניט דערגרייכט ביי איהם ביז'ן אקסעל. איך האב מיר זעהר דערפרעהט מיט אזא שכן בעזונדערס ווען איין מאהל שפעט ביינאכט האב איך דערהערט איבער מיין סאמע אויער עפעס א שעפטשען און איך האב דערזעהען אז אים איז געלונגען צו מאכען א לעכעל אין דער דינער וואנד.

— נו, קאלעגע, האט ער געזאגט ווי, הייסט איהר און פאר וואס געפינט איהר זיך אין אזא אנגענעהמען ארט?

„איך האב געענטפערט און פון מיין זייט געפרעגט מיט וועמען איך האב די עהרע צו רעדען.

— איך בין דזשעק פרענדערגאסט. איך שווער אייך מיט וואס איהר ווילט, איהר וועט זיך אויסלערנען צו בענשען מיין נאמען נאך איידער איהר וועט זיך מיט מיר שיידען.

דזשעק פרענדערגאסט'ס פראצעס איז מיר זעהר גוט געווען בעקאנט, ווייל ער האט אנגעמאכט א גרויסען רעש אין גאנץ לאנדאן. דאס איז געווען א מענש וואס האט געשטאמט פון זעהר שעהנע עלטערען, געהאט זעהר גוטע איינגעבאָרענע פעהיגקייטען. אבער ליידער איז ער געווען א גרויסער פערברעכער. דורך פערשיעדענע פאלשען איז איהם געלונגען אין א גאנץ קורצע צייט צו בעקומען פון אלע לאנדאנער קויפלייט גרויסע סומען געלד. אהא! הייסט עס, איך איז בעקאנט מיין פראצעס! האט ער געזאגט. זעהר גוט. איך אזוי האט איהר מסתמא געמוזט בעמערקען א וואונדערבארע זאך אין מיין פראצעס.

— וואס אזוינס?

— איך איז בעקאנט, אז איך האב דורך פאלשען אויסגענארט מעהר ווי א פיערטעל מיליאן?

— יא, איך האב וועגען דעם געליענט אין די צייטונגען.

מען האט אבער ניט געפונען קיין איין גראשען.

— ריכטיג.

— וואו זשע מיינט איהר, איז אהינ געקומען דאס געלד?

זאל איך אזוי וויסען פון בייז.

— איך שווער אייך מיט גאט, אז איך האב עס ביי מיר. איך גיב אייך אן עהרען ווארט, אז איך האב אין באנק מעהר פונט שטערלינג ווי איהר האט האר אויף'ן קאפ, און מיט געלד ווי איהר ווייסט קען מען מאכען אלץ וואס מען וויל.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

צו דען מיינט איהר אז א מענש וועלכער בענוצט אזעלכע קאפיטאלען וועט טאקי בעשטעהן צו זיצען אויף א כינעזיש שטינקענדיג שיף? גיין אזא מענש וועט זעהען זארגען וועגען זיך אליין און וועגען זיינע קאלעגען. פערלאזט זיך אויף מיר איך פיהר אייך ארויס פון דאנען.

צום ערשטען האב איך געמיינט אז דאס איז א פוסטער פלאפלער און בעריהמער, אבער ווען ער האט מיך געצוואונגען פאראויס צו שווערען אז איך וועל קיינעם ניט אויסזאגען, האט ער מיר דערצעהלט, אז אין שיף איז געווארען א פערשווערונג, און איך האב ניט געקאנט איהם ניט גלויבען. עס האט זיך ארויסגעוויזען אז א מאן צעהן פערברעכער האבען אויסגעארבייט א פלאן נאך איידער זיי זיינען ארויף אויף'ן שיף, ווי דאס שיף צו בעקומען אין זייערע הענד. נאטירליך דער הויפט פיהרער פון דעם גאנצען פלאן אין געווען פרענדערגאסט.

(פארזעצונג קומט)

אין דיעזער מלחמה צייט דארפט איהר האבען אמת'ע שפייז וועלכע ענטהאלט די גרעסטע מאס קערפער־בויענדע מאטעריאל פאר א ביליגסטען פרייז די גאנצע וויזצקערענער זענען אין גאנצען נאהרונג'ס שטאף

Shredded Wheat Biscuits

איז דער גאנצער ווייץ אין א פארדייע דער פארמע צוויי אדער דריי פון די דאזיגע קליינע ברויטלאך פון געבאקענעם גאנצען ווייץ מיט מילך און אביסעל פרוכט שטעלען צוזאמען א נאהרהאפטע, קרעפטיגענדע מאהלצייט.



געמאכט אין קענעדע.

זיסמאן קאפלאן

וויאלין ווירטואז

לעהרער אין דער קענעדיען אקאדעמי אף מוזיק און אויך פריוואט לעסאנס ווערען געגעבען אין סטודיא.

184 פאלמערסטאן עוו

טעלעפאן קאלעדזש 2814, אדער קאלעדזש 1343.

HAMILTON B. WILLS

האמילטאן ב. ווילס

(מעמבער פון סטענדארד סטאק עקסטשיינדזש) ספעציאליסט און

קאבאלט און פארקופיין סטאקס

פריוואט טעלעגראף קיין ניויאָרק "קורב" טעלעפאן מיין 2172

1504 ראיעל בענק בילדינג.

ISBELL, PLANT & CO.

מעמבערס פון סטאק עקסטשיינדזש

ספעציאליסטען אין „מיינינג"

שיקט נאך א פרייען בריעף וועגען קענעדער מיינינג נייעס

סטענדערד באנק בילדינג

טאראנטא, מאנטרעאל.

פערקופיין גאלד קעמפ

די לעצטע אינפארמאציעס קענט איהר קריגען ווען איהר וועט זיך סובסקרייבען פאר דעם פערקיופיין הערעלד.

סוטה פערקיופיין, אנטעריא.

פרייז פאר קענעדע $1.50 פאר־
אייניגטע שטאטען $2.00 א יאהר.

די טהעטיגקייט אין אידיש נאציאנאלען ארבייטער פערבאנד

דער אידיש נאציאנאלער ארבייטער פערבאנד האט זיך אריינגעווארפען פון דאס ניי אין זיין פיעלפאכער ארבייט אויף דעם ארגאניזאציאנס געזעלשאפטליכען און בילדונגס פעלד, א גרויסער שטויס צו דער ארבייט האט איהם געגעבען די ערשטע פארגעקומענע ספעציעלע קאנפערענץ אין טראנטאן. די קאנפערענץ האט אונטערגענומען גרויסע און וויכטיגע ארבייטען וואס וועלען צווינגען דעם פערבאנד אין זיינע בראנטשעס ארויסצוברענגען וואס מעהר ענערגיע און ארבייטער הייניגען זומער.

דער פערבאנד פלאנעוועט ארויסצוגעבען דורך'ן ווינטער פיעלע נייע אויסגאבען, איינע פון וועלכע איז שוין ערשינען, דאס איז א ביכעל פון 64 זייטען וואס רופט זיך נאציאנאלע פרייהייט און אינטערנאציאנאלע איינהייט, געשריבען פון דר. סירקין און איז א גרויסער ביי טראג פאר די פראבלעמען פון דער צייט. פיעלע אנדערע אויסגאבען וועלען ערשיינען דורך'ן ווינטער דער פערבאנד וועט זיין פערלאג טהעטיגקייט בעדייטענד פערגרעסערען. אויסער דעם פירען איצט דורך די בראנטשעס לעקציעס אין פיעלע שטעדט. אויך ווערען ארגאניזירט שטודיר גרופען און קלאסען פאר ערוואקסענע. עס איז וויכטיג צו דערמאהנען דעם ארבייטער בילדונגס אינסטיטוט וואס פילאדעלפיער בראנטש האט לעצטען געגרינדעט.

דער פערבאנד האט אויך צוזאמען מיט דער פעדעראציע פון נאציאנאל ראדיקאלע שולען גרינדען הייניגען ווינטער א לעהרער סעמינאר וואס זאל ארויסברענגען לעהרער פאר די שולען, אויך אין ארגאניזאציאנס זין וועט דער פערבאנד הייניגען ווינטער אויסנוצען אלע זיינע מעגליכע קרעפטען און עס וועט ערווארטעט א גרויסער צופלוס פון נייע מיטגליעדער אין זיינע רייהען. די פינאנציעלע זיכערקייט פון דעם פערבאנד הייבט אן אלץ מעהר אנערקענט צו ווערען. דער יונגער ראדיקאלער אידישער ארדען איז ניט געווען קיין מאהל אינטערעסטליג אין פינאנציעלען זין און וועט ווייטער ערפילען זיינע פליכטען מיט דער פולסטער פערזיכערונג.

די בראנטשעס און די חברים וועלען דורך'ן ווינטער אויך אונטערנעהמען פילעס פאר דער זאמלונג פאר די מלחמה קרבנות. די צענטראלע געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט פון פערבאנד וועט אבער זיין ארץ ישראל ארבייט און וועלכער האט גענומען איצט די פארם פון אויסגעשפראכענעם און פרינציפיעלע שטעלונג. דער פערבאנד וועט ערוועהלען א ספעציעלע פאליטישע ארץ ישראל קאמיסיע פאר דיעזען צוועק.

דער פערבאנד וועט זיך אויך ווענדען צו דער אידישער יוגענד אין אמעריקא פערלאנגענדיג פון דער לעצטער זיך אנצושליסען אין גרויסע מאסען אן דעם פערבאנד און מיטהעלפען איהם אין זיין וויכטיגער ארבייט וואס האט שוין געקראגען אנערקענונג.

די פיהרער פון פערבאנד פיהלען זיך בערעכטיגט צו מאכען אזא שריט און אפיעל.

מזל טוב

ווינשען מיר אונזערע פריינד בעני קאהן צו זיין התונה מיט שרה קאהן וועלכע קומט פאר היינט אין סימקא סטריט.

פיעל גליק און צופרידענהייט אין אייער לעבענס וועג.

ה. מ. קירשענבוים און פאמ.

CHAS. A. STONEHAM & CO.

(עסטאבלירט 1903)

23 מעלינדא סטרי. טאראנטא. טעלעפאן מיין 1—2580.

41 בראָאד סטריט, ניו־יארק.

קאבאלטס, פארקיופיין קופער מאטאר אויל און אינדוסטריאל סטאק פאר קעש, אדער מעסיגע מארדזשין. אונזער פופצעהן הונדערט מייל פריוואט וויר סיסטעם דערגרייכט אלע מארקעטס וועכענטליכע מארקעט לעטערס פריי.

„ניטא קיין פראמאשאנס".

באארד רום סורוויס

די פרייז באארד אין אונזער באארד רום ווייזט איצט גלייך

די פרייזען פון'ם ניו יארק סטאק עקסטשיינדזש

די ניו יארקער קורב עקסטשיינדזש

די טאראנטא סטענדארד עקסטשיינדזש

מיר וועלען זיין צופרידען אז איהר וועט זיך בענוצען מיט אונזערע באקוועמליכקייטען. פריוואטע ווייערס פערבינדען אלע אפיסעס אין טאראנטא — ניו יארק — פילאדעלפיא, האמילטאן און לאנדאן

KEMERER, MATTHES & CO.

108 BAY STREET - - - - TORONTO

עסטאבלירט 1880 אנאנסמענט טעל. איסט 193

ב. ראם און קא.

אינק.

לחיים ברודער!

פאר זיך אדער פאר ביזנעס

ניט אייערע ארדערס צו אונז וואו איהר קענט בעקומען גוטע וואארע פאר ביליגע פרייזען, נעמליך:

ספירט		$6.50	$7.50 א גאלאן
ברענדי	$4.50	$6.00	$7.00 א גאלאן
ריי וויסקי	$4.50	$5.00	$6.00 א גאלאן
עסטרויכישע	$5.00	$6.00	$7.00 א גאלאן
קימעל, ווישנאק, פעפערמינץ			$5.00 א גאלאן

א גרויסער אסארטמענט אין באטלד גודס פון די בעסטע ברענדס צו די ביליגסטע פרייזען

מיר באטלען אלע סארטען ליקערס צום טרייד

פערלאנגט א קאטאלאג

כרמל קאניאק און ווייגען צו פערשיעדענע פרייזען ביער: $1.00, $1.20, $1.25 און $1.30 א דאזען. ביער אין בארעלס: $1.10, $2 א בארעל

סיטי און קאנטרי ארדערס פינקליך אטענדעד.

די גרעסטע ליקער הענדלער אין קענעדע

אלע אונזערע פרייזען זענען F.O.B. מאנטרעאל. מיר בצאהלען ניט קיין עקספרעס הוצאות. אבער איהר פארשפארט געלד, באטש איהר צאהלט פאר טראנספארטאציע.

B. Ram & Company, Inc.

289—291 סט. דאמיניק סטריט

בראנטש 1171-73 מיין סטריט מאנטרעאל, קוו.



אײדזשענסי 45 סימקא סטריט טעלעפאן עדלייד 1458

האט איהר פרובירט אונזער באוואוסטען אייל, פארטער און לאגער גלייך אין קוואליטעט צו די גרעסטע וועלט פראדוצירונג. ווערט געהאלטען פון אלע דאקטערס, האלט א קייס ביי זיך אין הויז גיט אונז א פראבע

פרעזידענט ווילסאנ'ס אינטערעס מיט דער לאגע פון די רומענישע אידען

ערקלעהרונג פון דר. סיגעלשטיין און מר. עדווארד הערבערט.

ניו יארק: —

א קאמיטע פון רומענישע אידען געשיקט פון דעם „אמעריקאנער יוניאן פון רומענישע אידען", האט זיך געזעהן מיט פרעזידענט ווילסאן אין ווייסען הויז דינסטאג דעם 11־טען דעצעמבער. דיעזער מיטינג מיט דעם פרעזידענט איז ארראנזשירט געווארען פון מר. עדווארד הערבערט, דער עקזעקוטיוו דירעקטאר פון דער יוניאן מיט דעם סעקרעטער פון פרעזידענט, מר. טומולטי. די קאמיטע איז בעשטאנען פון דר. פ. א. סיגעלשטיין, מר. לעא וואלפסאן, מר. עדווארד הערבערט, מר. א. ל. קאלמאן, דר. מ. י. בעלבער און א. ב. גאלדענבורג פון פילאדעלפיא, און מר. ד. פינק פון וואשינגטאן.

צו א פערטרעטער פון דעם „אידישען קארעספאנדענט" האט דר. סיגעלשטיין וועלכער איז דער פרעזידענט פון דער יוניאן, ערקלעהרט אז דער צוועק פון דער קאמיטע איז געווען צו אפעלירען צום פרעזידענט אז ער זאל בענוצען זיין איינפלוס צו בעווירקען די רומענישע רעגירונג וועלכע איז יעצט אונזער פערבינדעטע, אז זי זאל אויפהערען די פערפאלגונגען אויף איהרע אידען און אז זי זאל זיי געבען גלייכע רעכטע.

דער פרעזידענט האט זיך זעהר שטארק אינטערעסירט מיט דעם וואס די קאמיטע האט געהאט צו זאגען און האט אויך געשטעלט פיעלע דירעקטע פראגען בנוגע דער לאגע פון די רומענישע אידען. ער האט געוואלט וויסען צו די לאגע פון די אידען אין רומעניען איז ערגער ווי די לאגע פון אידען אין רוסלאנד אונטער דעם צאר. די קאמיטע האט צוגעשטעלט דעם פרעזידענט א מעמאראנדום מיט פיעלע אינטערעסאנטע דאקומענטען וואס בעווייזען ווי די אידען ווערען בעהאנדעלט אין רומעניען.

זעלבסטפערשטענדליך האט די קאמיטע ניט געקענט ענטדעקען אלעס וואס איז גערעדט געווארען ביים קאנפערענץ, אבער לויט איינגע מעמבערס פון דער קאמיטע ערקלעהרען האט זיך דער פרעזידענט אויסגעשפראכען אז ער איז זעהר פעראינטערעסירט אין דער רומעניש אידישער פראגע, און אז ער איז אין פולער סימפאטיע מיט די רומענישע אידען. דער געשפרעך מיט דעם פרעזידענט האט געדויערט גאנצע פינף און פיערציג מינוטען.

דר. סיגעלשטיין און מר הערבערט ערקלעהרען אז דער אמעריקאנער יוניאן פון די רומענישע אידען האט בעטראכט דיעזע צייט אלס העכסט ניטיג צו ערקלעהרען דעם פרעזידענט די פראגע פון די אידען אין רומעניען עס איז בעקאנט אז די רומענישע רעגירונג שיקט אהער איהר אמבאסאדאר דר. אנגעלעסקא וועלכער וועט אין גיכען אנקומען אין וואשינגטאן. עס איז דעריבער געווען ראטזאם פארצולייגען פאר דעם פרעזידענט אלע פאקטען וואס האבען א שייכות צו דער רומעניש אידישער פראגע אום דאס ער זאל אלעס האבען ביי דער האנד אין זיינע בעציהונגען מיט דעם רומענישען אמבאסאדאר אין וואשינגטאן.

לויט דער מיינונג פון קאמפעטענטע פערזאנען וואס האבען שטודירט דאס רומעניש־אידישע פראבלעם איז עס נויטיג צו אמענדירען די רומענישע קאנסטיטוציע אום צו פערבעסערען די לאגע פון די רומענישע אידען. זייער מצב הענגט אב נאר אין דער בעדייטונג פון איין איינציגען ווארט — „פרעמדער". אלע אונטערדריקונגס געזעצע וואס געפינען זיך אין די רומענישע געזעצע ביכער דערמאהנען נאר ניט דעם ווארט „איד" אנשטאט דעם ווארט בענוצט מען דעם ווארט „פרעמדער". א איד אין רומעניען איז א „פרעמדער".

די רעליעף פראגע איז ביים קאנפערענץ נאר ניט בעשפראכען געווארען. אין רעליעף ארבייטען די רומענישע אידען צוזאמען מיט די „דזשאינט דיסטריבויטשאן קאמיטע", און „די יוניאן פון די רומענישע אידען" איז שטארק דאנקען אז רעליעף ארבייט זאל געטהאן ווערען פון רומענישע אידען ספעציעל פאר די רומענישע אידען.

דינסטאג ביינאכט האט זיך די קאמיטע אויך געזעהען מיט דזשאסטיס בראנדייס ביי איהם אין דער היים.

די אמעריקאנער יוניאן פון רומענישע אידען, האט זיך ארגאניזירט מיט אכצעהן מאנאטען צוריק אלס א נאציאנאלע ארגאניזאציע מיט דעם צוועק צו בעוואכען די נאציאנאלע אינטערעסען פון דיא רומענישע אידען דא און אין רומעניען.

די ערשטע קאנווענשאן איז אבגעהאלטען געווארען לעצטען יאהר אין פילאדעלפיא און עס האבען בייגעוואהנט פערטרעטער פון כמעט אלע שטאטען און אויך פון קאנאדא און קיובא. ענדע דיעזען מאנאט וועט אין ניו יארק אבגעהאלטען ווערען די צווייטע קאנווענשאן.

קאנגרעס קאמיטע פאר דער פאלעסטינא רעזאלוציע

ניויארק דעצ. 15

די רעזאלוציע וועלכע איז פארגעשלאגען געווארען אין קאנגרעס פון קאנגרעסמאן לאז צו גראטולירען ענגלאנד מיט איהר זיעג אין פאלעסטינא און אויך איהר דעקלאראציע פאר א אידען שטאאט אין פאלעסטינא איז איבערגעגעבען געווארען צו דער קאנגרעס קאמיטע פאר אויסלענדישע ענינים פון וועלכער קאנגרעסמאן פלוד פון ווירדזשיניא איז דער פארזיצענדער

קאנגרעסמאן לאז האט ערקלעהרט אז איידער ער האט פארגעשלאגען די רעזאלוציע האט ער זיך וועגען דעם דורכגערעדט מיט רבי סטיפען ווייס דער באקאנטער ציוניסט און ער איז איינפערשטאנען מיט דעם וואס ער האט געזאגט.

קאנגרעסמאן פלוד האט היינט ערקלעהרט אז ער איז פאלשטענדיג איינשטימיג מיט דער רעזאלוציע און קאנגרעסמאן סאבאטה אויך פון דער קאמיטע האט ערקלעהרט אז ער וועט ארבייטען דערפאר ווייל ער גלויבט אין א אידען שטאאט אין פאלעסטינא.

עס איז זיכער אז די רעזאלוציע וועט אנגענומען ווערען.



מר. ה. ווינגבערג דערמאהנט אייך פארגעסט ניט אייערע קרובים און שיקט זיי חנוכה געלט

THE DAILY HEBREW JOURNAL

H WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.

The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario

PUBLISHED BY

— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd. —

281-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967

SUBSCRIPTION RATES: $5 00 PER YEAR

SINGLE COPY 2c.

Entered as Second Class Mail Matter at G P O Toronto, Ontario January 22nd, 1913

די מארגענטהוים

אין דער ניו יארקער „טיימס" זענען לעצטע וואך אין איין טאג אבגעדרוקט געווארען צוויי וויכטיגע ערקלעהרונגען וועגען פאלעסטינא אין די אידען. ביידע ערקלעהרונגען זענען אבגעדרוקט זייט ביי זייט, און ביידע זענען כאראקטעריסטיש אי פאר דעם אינהאלט זייערען און אי פאר די שרייבער. איין ערקלעהרונג איז פון דעם קריסט קירנעל סער מארק סייקס, א מיטגליעד פון דעם ענגלישען פארלאמענט, א קענער פון דעם אריענט, א פערזאן וועמען עס איז איבערגעגעבען געווארען צוזאמענצושטעלען די פראקלאמאציע וועלכע די ענגלישע רעגיערונג האט ארויסגעלאזען צו דער אראבישער וועלט בשעת'ן פאלען פון באגדאד, און די יעצטיגע פראקלאמאציע צו דער ירושלימער בעפעלקערונג. די צווייטע ערקלעהרונג איז שוין ניט פון קיין קריסט, נאר פון א אידען, פון א אידען, וועלכער פערנעהמט א גרויסען פלאץ אין דעם אמעריקאניש־אידישען לעבען די ערקלעהרונג איז פון דעם געוועזענעם אמבאסאדאר צו דער טערקיי הענרי מארגענטהוי.

סער מארקס סייקס האט אין מאנטשעסטער, ענגלאנד, אדרעסירט „דאס אידישע פאלק האט שוין פאר די לעצטע צוויי טויזענד יאהר, זיך צווישען אנדערם געזאגט:

„דאס אידישע פאלק האט שוין פאר די לעצטע צוויי טויזענד, זיך פערראינגס פילע מאהל. יעדעס מאהל איז עס אבער געוועזען א זאך פון טרויער. און צום ערשטען מאהל איז עס א פאל פון פרייד. די מלחמה איז געוועזען פרזכטבאר אין נעגאטיווען. אבער דא האט מען צוערשט צו־טהון מיט א וויכטיגער־פאזיטיוו. פאר יאהרהונדערטער איז עפעס ניט געוועזען גלאטיג מיט אונזער ציוויליזאציע. יעדע נאציע און יעדער קאנטינענט האט געהאט א אידישע פראבלעמע געזעצען פון אונטערדריקונג בהעמאס און טשערטאס. דא האט מען די אידען פערפאלגט. דארט האט מען זיי סאלערירט און אסימילירט און צווישען די צוויי, קען מען ניט וויסען צו דאס ערשטע איז ניט געוועזען בעסער. די רעאליזירונג פון דעם ציוניסטישען אידעאל אבער מאכט א סוף צו דעם אלעמען. און דער ציוניזם וועט געבען די אידען א העכערען פלאץ אין דער וועלט. אזא פלאץ, ווי זיי האבען נאך קיינמאהל ניט געהאט. קיין ענגלישער איד וועט ניט זיין ווייניגער בריטיש, ווייל ער וועט מיט שטאלץ קוקען אויפ'ן וויגעלע פון זיין ראסע".

דאס איז בלויז א קליינער אויסצוג פון זיין רעדע. די איבעריגע טהיילען דערפון זענען פערנומען מיט זיינע פראקטישע עצות, וועלכע גרופירען זיך ארום דעם צענטראל פונקט, אז דער וואוילזיין פון דער אידישער פאלעסטינא הענגט אב פון דעם, אז די אידען, ארמענער און אראבער זאלען זיך פערשטעהן, און שליסען א פריינדליכען בונד.

אזוי רעדט א קריסט, אזוי בעגרייפט דער קריסטליכער שטאאטסמאן און געלעהרנטער די פאלעסטינא זאך. אז דאס וועלען אויפבויען דעם פאלעסטינא שטאאט אין ניט נאר די בריטישע פרינציפען, ווי אזוי אבער דענקט וועגען דעם א איד? מיר זענען איינער צייטאנגען פון דעם לאנגען בריעף. וועלכען הענרי מארגענטהוי האט פערעפענטליכט אין דער „טיימס". נאך דעם ווי ער ערקלעהרט די פרייד וואס דאס פאלען פון ירושלים האט ארויסגערופען ביי דער גאנצער וועלט, און רעדענדיג וועגען דער אוטאפיע, צו וועלען בעזעצען אלע אידען אין ארץ ישראל, פערענדיגט ער אז:

> דער פאקט, וואס האט די גרעסטע בעדייטונג פאר מיר, און איך גלויב צו א מאיאריטעט פון די פון מיין גלויבען, איז דאס מיר זענען הונדערט פראצענט אמעריקאנער, און מיר ווילען אזעלכע בלייבען, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס אונזער בלוט איז אידישעס. פאר אונז און אונזערע קינדער איז אמעריקא אויך א הייליג לאנד.

נאך דיזער השתפכות הנפש, קומט די אלטע טענה וועגען דעם, אז די אידען האבען פאר זיך א גרויסע מיסיאן, די מיסיאן פון איין גאט, און ער צייגט אויף וויפיעל גוטעס דיזע מיסיאן האט שוין אויפגעטהאן, און אויב אזוי, זעצט דער אמבאסאדאר ווייטער פאר:

> מיר זענען יעצט נעקומען צו א גרויסען קריזיס אין דער וועלט־געשיכטע, און איך וויל פרעגען מיינע גלויבענס־געגאסען פנים אל פנים און הארץ צו הארץ, וויפיעל פון אייך וואלטען וועלען אויפגעבען דעם גרויסען חוב וואס מיר האבען דא, און די וויכטיגע אויפגאבע וועלכע די געשיכטע האט אונז געגעבען צו זיין אמת'ע אמעריקאנער בירגער, עס אויפגעבען און ווידמען אונזערע גאנצע לעבענס פאר דער אויפבויאונג פון העברעאישע אינסטיטוציעס אין פאלעסטינא? איך זעה ניט איין וואַרום מען דארף איגנארירען דאס קלענערע, אום צו קענען דיענען די גרעסערע ציעלען. אבער ערלויבט מיר צו בעטאנען נאך אמאהל, מיר אידען אין אמעריקא זענען נור אידען אין רעליגיאן, און אמעריקאנער אין נאציאנאליטעט. עס איז דורך אמעריקא און איהרע אינסטיטוציעס דאס מיר וועלען טהאן אונזער טהייל צו ברענגען בעסערע אידעאלען און פעסטערע פרינציפען פאר דער גאנצער וועלט.

פערשטעהט זיך אז ווען מען זעהט ניט אין אידען קיין פאלק, נאר א רעליגיעזע גרופע, קען מען ניט רעדען וועגען דער אויפבויאונג פון אן עקאנאמיש־פאליטישען שטאאט. און דאס העכסטע וואס מארגענטהוי בעגעהרט, איז א צענטער, וואו מען זאל קענען מאכען א לאבאראטאריע פאר דער אויפלעבונג פון דער אלטער העברעאישער קולטור. אין וואהין טוריסטען זאלען קענען קומען צו בעזוך.

צוויי מענשען רעדען וועגען פאלעסטינא. און וואס פאר אונטערשיעד איז זייערע בליקען. אין איינעם רעדט די פראקטישע עהרליכע קריסטליכע וועלט, און פון דעם צווייטענס פעדער רעדט די יאהודימשע אסימילאציע, וועלכע זוכט זיך צוצופאסען צו די נייע אומשטענדען.

די אידישע וועלט איז שוין אבער גענוג דערוואקסען צו קענען אונטערשיידען דעם וואלף. סע ער אפילו זיין בעדעקט מיט א שעפסען־פעל.

די ווערטער פון א סייקס דערצעהלען אונז וועגען גאולה. פון מארגענטהוים רייד. דערטראגט זיך אבער דער בית עולם ריח. און די אידישע מיינונג וועט וויסען וועלכע רייד צו שענקען אן אויפמערקזאמקייט אויער.

וועלכע פראווינצען האלטען די וואגשאל

פון שמואל מאיר שאפירא

ווער וועט ענטשיידען די וואהלען מאנטאג, דער קעמפיין ווי ער איז געפירט געווארען און די ארויסגעבראכטע אישים. אנטעריא און קוויבעק

שוין דאנקען גאט נאכ'ן קעמפיין מארגען געהט מען שוין צום שטים קאסטען, ביידע פארטייען האבען שוין אויסגעשאסען זייערע לעצטע קוילען. די קעמפיין קאנאנען זענען שוין אנטשוויגען געווארען, און יעצט ווען דער קעמפיין רויך איז פאריבער וועט זיין גאנץ אינטערעסאנט צו ווארפען א בליק אויף דאס פארגאנגענע:

צום אלעם ערשטען איז צו זעהען, אז די הויפט אישו אינ'ם יעצטיגען קעמפיין איז געווען "געווינען די מלחמה". ביידע פארטייען, דאס הייסט די „יוניאן גאווערמענט" און די אפאזיציע זענען זיך ניט פאנאנדער געגאנגען אויף דעם הויפט פונקט נאר אויף די מעטהאדען וועלכע זאלען אנגעווענדעט ווערען דעם דאזיגען ציעל צו דערגרייכען.

די „יוניאן גאווערמענט" האט זיך געהאלטען ביים פונקט אז די מלחמה קען בלויז פארגעזעצט ווערען דורך צוואנג־מיליטער דיענסט, און די אפאזיציע זאגט און האט געזאגט אז דאס איז ניט דורכאויס נויטיג עס קען אנגעפיהרט ווערען די מלחמה מיט פרייוויליגע סאלדאטען, אדער דאס פאלק אליין זאל באשטימען.

דאס ווי געזאגט איז געווען די הויפט אישו, דער הויפט פונקט ארום וועלכען עס האבען זיך דורך דער צייט פונ'ם קעמפיין ארומגעוויקעלט פערשיעדענע אנדערע פונקטען און נעבען אישוס. אזוי האבען ביידע פארטייען געענטפערט און פערעפענטליכט זייער שטעלונג צו פערשיעדענע לאנד פראגען, אבער דאס אלעס איז אוועקגעשטעלט געווארען אין הינטערגרונד.

ווי אזוי צו דערגרייכען דעם פאטריאטישען ציעל פון פארזעצען די מלחמה איז געווען דער הויפט פונקט און יעדער פארטיי האט אנגעפאנגען צו באפעסטיגען איהרע פאזיציעס.

ווען וואהלען איז פראקלאמירט געווארען אין לאנד האט עס אויסגעוויזען אז די בארדען רעגיערונג איז די שטארקסטע אויף אלע פונקטען און אז די פראגע פון די וואהלען איז בלויז א פארמע, דאס הייסט אז דאס פאלק וועט נאר דארפען געבען די צושטימונג, צו דעם וואס די רעגיערונג האט געטהון. ווייל בארדענ'ס איז געלונגען צוזאמענצושטעלען אזא קאאליציאנס קאבינעט ווי עס איז קיינעם ניט געלונגען אין קיין לאנד זאגאר אין אייראפא, בארדען האט אין זיין „יוניאן רעגירונג" אכט פון די ניין פראווינצען, וועלכע קענעדע פארמאגט, אמת דאס איז ניט געווען קיין צושטימונג פון פאלק דורך שטימען אבער עס איז דאך געווען א צושטימונג, די פרעמיערס פון די פראווינצען נאווא סקאשיא, ניו בראנזוויק, מאניטאבא, סאסקאטשעוואן, אלבערטא און בריטיש קאלאמביא וועלכע זענען ליבעראלען זענען אריינגעטרעטען אין דער נייער רעגיערונג, פערשטעהט זיך אז די פרעמיערס פון די פראווינצען אנטעריא און פרינץ עדווארד איילאנד וועלכע זענען קאנסערוואטיוון, זענען געווען מיט'ן פרעמיער, דער איינציגער פרעמיער וועלכער איז אבגעשטאנען איז דערפון קוויבעק.

די איינפלוסרייכסטע מיטגליעדער פון דער ליבעראלער פארטיי, ווי פארדי, ראוועל און אנדערע האבען פארלאזען זייער פיהרער און האבען זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן רעגיערונג. מיט איין ווארט עס האט אויסגעזעהען אז עס איז אין גאנצען נוצלאז פאר לאריערן זאגאר ארויסצושטעלען אפאזיציע קאנדידאטען. אבער ביז דעם טאג פון די נאמינייש'אנס האט זיך די לאגע געענדערט.

א נייער פאקטאר האט זיך בעוויזען אויפ'ן פאליטישען האריזאנט און דאס איז געווען דער ארבייטער קלאס.

די בארדען רעגיערונג האט ביים אנפאנג פון גרינדען די „יוניאן גאווערמענט" ווייזט אויס אין גאנצען פארזעהען אז די ארבייטער זענען בערעכטיגט צו א גוטער פערטרעטערשאפט, ווייל דער ארבייטער קלאס האט צוגעטראגען א גרויסען טהייל בלוט צו דער יעצטיגער מלחמה. ער האט עס שפעטער פרובירט צו פערריכטען מיט דעם וואס ער האט אריינגענומען אין זיין קאבינעט סענאטאר ראבערטסאן, אבער אין דער צייט האט זיך שוין לאריער באנוצט מיט דעם פאל און אן אונאפיציעלער פיוזשאן איז געמאכט געווארען.

דער ליבעראלער פארטיי פיהרער לאריער איז געקומען צו א פערשטענדניש מיט די ארבייטער און אן אונאפיציעלער אבמאך איז געמאכט געווארען דארטען, וואו די ארבייטער שטעלען ארויס קאנדידאטען זאל קיין ליבעראל ניט ארויסגעשטעלט ווערען און לאריער וועט אנערקענען דעם ארבייטער קאנדידאט.

נאך א זאך האט לאריער געטהון, וועלכע האט געענדערט די לאגע און דאס איז וואס ער האט ארויסגעשטעלט א פולע צאהל קאנדידאטען אין די שטארקסטע פראווינצען פון דער רעגיערונג אזוי למשל האט ער ארויסגעשטעלט געגען קאנדידאטען אין יעדען דיסטריקט פון אנטעריא, דער געדאנק פון דעם איז געווען צו געבען געגנער ארבייט דער רעגיערונג אין איהרע אייגענע פראווינצען, אז די מיניסטארען זאלען ניט קענען פיהרען קיין קעמפיין אין די שטארק ליבעראלע פראווינצען. עס איז א פערשטענדליכע זאך אז אויב געגנער קאנדידאטען זענען דא אין אנטעריא וועט די רעגיערונג זיך מעהר אבגעבען מיט פערשטארקערען איהרע פאזיציעס אין אנטעריא איידער געהן אין קוויבעק צו אגיטירען די ליבעראלען, אויף אזא אופן האט זיך לאריער פערזיכערט מיט זיין שטארקער פראווינץ קוויבעק און האט נאך געהאט א פרייע האנד פאר די מערב פראווינצען, וועלכע זענען געווען ליבעראל און זענען אריבער צו דער יוניאן גאווערמענט.

אין אנטעריא און קוויבעק האט זיך דער קעמפיין פערוואנדעלט אין א נאציאנאלע קאמפף. עס איז פערוואנדעלט געווארען אין א ראסען און נאציאנאלען קאמפף. און די הויפט אישו איז פארגעסען געווארען. עס איז בלויז געבליבען איין זאך, ווער זאל רעגירען דאס לאנד, די ענגליש שפרעכענדע אנטעריא, אדער די פראנצויזיש שפרעכענדע קוויבעק.

אז דאס האט ניט בעדארפט זיין איז א גוט בעוואוסטע זאך, אבער אין דער צייט ווען פאר יעדער פון די צוויי פארטייען איז דאס געווען א פראגע פון לעבען און טויט זענען אלע מיטלען געהייליגט געווארען פאר'ן צוועק.

עס איז געבראכט געווארען אויף אזוי ווייט אז די קירכען האבען ווייט און ברייט געעפענט זייערע טיהרען און האבען די פאליטישע מחלוקות אריינגעלאזען אין דער קירכע זאגאר פאר פאליטישע פערזאמלונגען, א זאך וועלכע האט קיינמאהל פריהער ניט פאסירט.

דאס איז געטהון געווארען דערפאר וואס די רעגיערונג האט זיך ארומגעזעהען אז איהר שטארקסטע פעסטונג אנטעריא איז ניט אזוי שטארק ווי זי האט גערעכענט די מעשה קיטשנער וואו פרעמיער בארדען האט בעקומען אזא "שטורמדיגע אויפנאהמע" אין טאראנטא וואו עס איז דא אזוי פיעל פלאץ פאר קאנדידאטען פון דער אפאזיציע האט געוויזען אויף דער רעגיערונג אנצושטרענגען אלע איהרע קרעפטען.

דער סך הכל פון דעם אלעמען איז, אז קיין נייעס איז ניט ארויסגעבראכט געווארען אין די יעצטיגע וואהלען. די פראגע פון אלע אישוס און ביי־אישוס וועלכע זענען אויפגעהויבען געווארען אינ'ם אנפאנג פונ'ם קעמפיין האבען זיך אויסגעלאזען מיט דעם ווער עס זאל רעגירען קענעדע ווי פריהער אנגעוויזען, אנטעריא אדער קוויבעק.

און ווירקליך די צוויי פראווינצען זענען די גרעסטע און ניעבען די גרעסטע פערטרעטערשאפט אין פארלאמענט פון די 234 פארלאמענט מיטגליעדער וועלכע שטעלען צוזאמען דעם פארלאמענט גיט אנטעריא 82 מיטגליעדער און קוויבעק 65 דאס איז כמעט צוויי דריטעל פון אלע פערטרעטער וואס קענעדע גיט, און לויט ווי די לאגע איז יעצט וועט קענעדעס שיקזאל ווער עס זאל זי רעגירען בעשטימט ווערען ניט פון אנטעריא און ניט פון קוויבעק נאר פון די קלענערע פראווינצען.

די יוניאן גאווערמענט איז כמעט זיכער מיט אנטעריא אז זי וועט ערוועהלען אלע איהרע קאנדידאטען, לאריער איז זיכער מיט קוויבעק אז דארטען וועלען ערוועהלט ווערען אלע ליבעראלען, און פאלגליך, וועלען די ענטשיידער זיין די איבעריגע זיבען קליינע פראווינצען פון קענעדע, יעדער איינע פון די קליינע פראווינצען וועט זיין די ענטשיידענדע קראפט און איינס איז זיכער און עס ווערט צוגעגעבען אז אויב די פראווינצען מאניטאבא, סאסקאטשעוואן, בריטיש קאלאמביא, אלבערטא, נאווא סקאשיא און ניו בראנזוויק וועלען שטימען ווי אין 1907 וועט די לאריער פארטיי רעגירען קענעדע און אויב די פראווינצען וועלען שטימען ווי אין 1911־טען יאהר דאן איז די יוניאן גאווערמענט זיכער אין קראפט ביז צו דער ענדע פון דער מלחמה.

דער טעות טאהר אבער ניט געמאכט ווערען אז אנטעריא אדער קוויבעק וועלען ענטשיידען די וואהלען. מעגען אין אנטעריא ערוועהלט ווערען איינגע ליבעראלען און אין קוויבעק איינגע קאנסערוואטיווען וועט עס ניט האבען קיין בעדייטונג דע ווירקונג, די קענעדער קליינע פראווינצען האלטען די וואגשאל אין זייערע הענט.

מאנטרעאל און איהר קעמפיין

פון א. י. ברזילי

מאנטרעאל —

דער יעצטיגער קאמפיין פון די פאר שטעהענדע וואהלען אין קאנאדע, ניט אכטענדיג דערויף, וואס ער טראגט א גוואלטיגען פאליטישען כאראקטער, זייענדיג פערבונדען מיט דער קאנסקריפשאן פראגע, מיט וועלכער אלע בירגער אינטערעסירען זיך אזוי שטארק, — געהט אן, דא אין מאנטרעאל, אין א געוויסען זין, גראדע גאנץ שטיל, געלאסען, אהן שום רעש, אהן געפילדער.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, דאס יעדע בעזונדערע פארטיי, ארבייטענדיג פאר זיך, פאר איהרע אינטערעסען, ווענדעט אן פערשיעדענע מיטלען, וועלכע זי געפינט פאר נויטיג, נוצליך און צוועקמעסיג, אום צו געווינען די בירגער, אדער דעם רוב פון זיי, די מאיאריטעט אמוועניגסטען, אויף איהר זייט. יעדע פארטיי, ווי דער שטייגער איז, לערנט דעם עולם אביסעל דעם "קיצור שלחן ערוך" פון חכמת הפאליטיק, ניט אז איהרע שטארקע, אייזערנע ארגומענטען, די טיעפע, שכל'דיגע טעמים: פאר וואס און צו ליעב וואס אלע רעכטדענקענדע, "טהייערע" בירגער דארפען זיך יעצט, אין אזא זורגיגען מאמענט, רעכענען מיט איהר פאליסי, און וואוטען אויסשליסליך נור פאר איהרע קאנדידאטען, און ניט פאר די געגנערישע, פון די איבריגע פארטייען.

יעדע בעזונדער פארטיי דערצעהלט די וועהלער, פערזיכערט זיי, אז די קאנדידאטען פון איהר צד לויפען ניט פאר זייער אייגענעם, פערזענליכען אינטערעס, נור ספעציעל צוליעב דעם אינטערעס און דעם גליק פון זייערע וועהלער, — פונ'ם גאנצען פאלק, אלע לויפענדע קאנדידאטען, צו וואס פאר א פארטיי זיי זאלען ניט בעלאנגען, — אלע, אהן אן אונטערשייד, לאזען זיך מיט אמאל אראפ צום פאלק און ווערען אין איין מאמענט רעגולערע "פאלקס מענשען"...

מיר איז אויסגעקומען, זייענדיג לעצטענס אין ניויארק, צו שטודירען דעם דארטיגען קאמפיין פאר די וואהלען פון א סיטי מעיאר מיט זיין חבריא, די ארויסהעלפער פון זיין אפיס אין סיטי האל, ווי אויך פערשיעדענע אנדערע "כלי קודש", נעמליך: אלדערמען, אסעמבלימען, דזשאדזשעס און א. וו. און עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, אויב איך וועל זיך אויסדריקען, דאס זייט ניויארק האט געזעהן קאמפיינס פאר די לעצטע עטליכע יאהר, וואס איך האב דארט געוואוינט. האט זי נאך ניט דורכגעמאכט אזעלכע טומעלדיגע עלעקשאנס, אפילו די צוויי קאמפיינס פונ'ם יעצטיגען פרעזידענט, ווילסאן, זיינען געוועזען — געדענק איך — פיעל שטילער, רוהיגער, עפעס פיעל פשוט'ער, איינפאכער.

קורץ, דער אויבענדערמאנטער לעצטער קאמפיין אין ניויארק, מיט זיין אונגעוועהנליכען טומעל, אומגעלומפערטען רעש און די גוואלטיגע אויסגאבען, וואס יעדער פארטיי בעזונדער האט זיך פערגינען צו מאכען אויף פערשיעדענע מאנדרע "טריקס", אום צו צוציהען מיט דעם דעם עולם, — דאס איז א מין פנים חדשות אינ'ם אמעריקאנער קאמפיין־פאליטיק.

קומענדיג אהער אין מאנטרעאל, פונקט אין דער צייט פונ'ם יעצטיגען קאמפיין, און פאראינטערעסירענדיג זיך, מעהר־ווייניגער, מיט זיינע מעטהאדען, האב איך בעמערקט, אז אלעס געהט דא צו רוהיג, געלאסען, מיט דער גרעסטער גלייכגילטיגקייט, כמעט שלעפעריג. די אלגעמיינע פרעסע, די ענגלישע, ווי אויך די פראנצויזישע, אגיטירענדיג פאר די קאנדידאטען, רעדט מיט א גאנץ רוהיגען, ניט קיין אויפגערעגטען טאן. מ'זוכט ניט קיין חטאים איינער אויפ'ן צווייטען, מ'קריכט ניט אריין אין די טיעפע טיעפענישען אום ארויסצוקריגען פון דארט עפעס א מין שרעקליכע זינד, א שטארקען פערברעכען. וואס דער, אדער יענער קאנדידאט איז אמאל באגאנגען, וועלענדיג איהם מיט דעם פסול'ען פאר דער כהונה. אלע פארטייען, ווי עס ווייזט אויס, האבען זיך דאס מאל בעמיהט ארויסצושטעלען דורכאויס ניט קיין זינדיגע, — פאלקאם כשר'ע קאנדידאטען. דער הויפט ארגומענט איז — קאנסקריפשאן: איינער איז פאר און דער צווייטער איז געגען.

די אידישע פרעסע, ווידער, איז נאר אין גאנצען געשטאנען פון ווייטענס, ניט זאגענדיג קיין דעה, קיין שום מיינונג. — ניט גוט און ניט שלעכט. זי איז געווען, הייסט עס, כמעט נייטראל. און אינ'ם זין קען דאס אפשר בעדייטען, אז ס'וואלט איהר ניט געשאדט, ניט אויף א האאר געקימערט, אז אלע לויפענדע קאנדידאטען זאלען ערוועהלט ווערען, און אזוי איז זי — די אידישע פרעסע — געשטאנען און צוגעקוקט, וואס עס קומט פאר ארום איהר, ביז לעצטען פרייטאג (דעם 7־טען דעצעמבער), ווען זי, אדער ריכטיגער ער, דער "קענעדער אדלער", האט זיך פלוצלונג ווי אויפגעכאפט פון א לעטארגישען שלאף, און אונטער א שרייענד קעפעל, מיט גרויסע בוכשטאבען אויף דער ערשטער זייט, געלאזט וויסען דעם אידישען עולם, דאס ער האט פון א "ריכטיגע קוועלע" ערפאהרען, אז די מאנטרעאלער געגנאסען האבען געגעבען אן "הכשר" אויף צו מאכען פאגראמען אויף אידען.

און אט וואס איהם איז צופעליגער ווייזע געלונגען צו ענטדעקען:

לעצטען מאנטאג (דערצעהלט ער) איז ערשיענען אין דער היגער "לע דעוואר" דער פאלגענדער בעריכט:

"ביי א גרויסער פערזאמלונג געבטען אווענד (זונטאג), וואס איז פארגעקומען אין פרינץ ארטהור האל, וואו עס האבען זיך געפונען צוויי טויזענד מענשען, האט מר. דזשאזעף שובערט (קעמפיין מענעדזשער פון דעם סאציאליסטישען קאנדידאט), ריידענדיג צו גונסטען דעם סאציאליסטישען קאנדידאט, מייקעל ביוהא, וועלכער לויפט אין דזשארדזש עטיען קארטשיער דיוויזשאן, צוריקגעוויזען די אויסרופונגען, וואס זיינען געמאכט געווארען געגען הענרי בוראסא (בנוגע זיין שטעלונג צו דעם קישענעווער פאגראם), ער האט ערקלעהרט, אז דאס וואס בוראסא האט געזאגט אויף די רוסישע אידען איז אמת. פיעלע פון זיי האבען פאר יאהרהונדערטע בערויבט און עקספלואטירט די רוסישע מאסען, און אז דער דאזיגער פערברעכען זייערער איז ווערטה געווען בעשטראפט צו ווערען".

איבערלעזענדיג דעם דאזיגען בעריכט מיט די קלוגע פירושים, די "סמארטע" קאמענטארען און אויך דעם טיפען מוסר השכל, וואס דער "קענעדער אדלער" האט ארויסגעדרייגעגען, וועלענדיג, אפנים, מיט דעם פערליכטערן זיינע לעזער, אז זיי זאלען זיך ניט דארפען מאטערן, אום אויסצוגעפונען דעם ריכטיגען פירוש, דעם אמת'ן זין, — בין איך זעהר שטארק אויפגערעגט געווארען אויף די צוויי טויזענד מאן, וואס האבען זיך דאן געפונען אין האל אין דער צייט פונ'ם ספיטש, און האבען געשוויגען. איך האב אבער די זאך באלד גוט איבערגעטראכט, איבערגעטראכט און נאך אמאל איבערגעדענקט ביז איך בין געקומען צום פאלגענדען בעשלוס: אדער די צוויי טויזענד צוהערער זיינען צופעליגערווייז געווען אלע טויבע, האבען זיי צוליעב דעם ניט געקענט הערען וואס דער רעדנער האט זיי דערצעהלט, אדער דער פראנצויז, דער רעפארטער פונ'ם "לע דעוואר", פערשטעהט בעסער די אידישע שפראך... נור ניט קוקענדיג אויף דיעזען, טאקע מיין אייגענעם בעשלוס, האט מיך דאך שטארק אינטערעסירט אויסצוגעפונען די ריכטיגע אורזאכע פון דער וויכטיגער געשעהעניש.

איך האב זיך אינ'ם זעלבען טאג בעמיהט צו זעהען דעם אויבענדערמאנטען מר. שובערט, דעם רעדנער, (וועלכען איך האב נאך פריעהער ניט געקענט), אום זיך איבערצייגען, צו ס'איז פיליכט ניט פאראן דא עפעס א מיספערשטענדניס און צו דער "קענעדער אדלער" האט אפשר ניט געמאכט א שטיקעל טעות. א טעות, ווייסט דאך יעדער איינער, קען אמאל פאסירען... ער, שובערט, פארשטעלענדיג זיך פאר מיר, האט געזאגט: "איך האב די עהרע זיך פארצושטעלען פאר אייך. — דאס איז דער נייער פאגראמשטשיק, וואס האט אגיטירט צו מאכען פאגראמען אויף אידען."

אינ'ם שמועס, וואס איך האב געהאט מיט איהם, האט ער מיר, צווישען אנדערעס, דערצעהלט, אז ער און דער קאנדידאט מר. ב. זיינען געוועזען אין רעדאקציע פונ'ם "לע דעוואר", און דער רעדאקטאר האט זיך ענטשולדיגט פאר זיי. אז זיין זשורנאליסט, ניט פערשטעהענדיג קיין אידיש, האט זיך געמוזט בענוצען מיט דער הילפע פון א זייטיגען מענשען, דורך וועלכען ער איז שלעכט אינפארמירט געווארען. און גלייך טאקע האט ער, דער רעדאקטאר, געגעבען א בעפעהל צו פעררייכטען אין זיין צייטונג דעם פערדרוסליכען טעות.

צו אויף יענער אידישער פערזאמלונג האט זיך דאן געפונען א פראנצויזישער רעפארטער, איז זעהר א גרויסער ספק, עס האט זיך נאך דערווייל ביז יעצט ניט אבגערופען קיינער, פון די אנוועזענדע אויף יענער פערזאמלונג, וואס זאל בעשטעטיגען די זאך, איינס אבער איז געוויס, און צו דער זעלבער צייט אויך א גרויסער וואונדער: אז א אידישע צייטונג זאל געבאר זיין געגוט איבערצוזעצען אידישע בעריכטען וועגען אידישע פערזאמלונגען פאר אידישע לעזער דוקא פון א פראנצויזישע צייטונג.

דעם זעלבען טאג (7־טען דעצעמבער) האט דער אויבענדערמאנטער סאציאליסטישער קאמפיין מענעדזשער ארויסגעלאזט צירקולארען, אונטער'ן נאמען: "אן אפענער בריעף צו מר. ה. וואלאפסקי". אין וועלכע ער האט צוריקגעשליידערט די אטאקעס פונ'ם "קענעדער אדלער" געגען איהם און דער סאציאליסטישער פארטיי, ווייזענדיג, צווישען אנדערעס, אויף דעם פאקט, אז די "לע דעוואר" אליין האט אבגעלייקענט איהר פריהערדיגען בעריכט. די סאציאליסטישע פארטיי האט זיך אבער מיט דעם אליין ניט בענוגענט, און האט פעררופען א מאס־מיטינג, וועלכער איז פארגעקומען דעם לעצטען זונטאג, דעם 9־טען ד. מ., אין גאוועלטי טהעאטער. אום קלאהרצומאכען די גאנצע סיטואציאן דער טהעאטער איז געווען געפאקט מיט מענשען. וועלכע זיינען געקומען הערען לעבעדיגע ווערטער פון די רעדנער, וואס האבען אנגעוויזען אויף די ריכטיגע אורזאכען, וועלכע האבען געבראכט דעם "קענ. אד." צו שפייען מיט פייער אויף דער סאציאליסטישער פארטיי.

דער מאס־מיטינג איז געווען זעהר א לעבהאפטער, און ענטהוזיאסטישער, פול מיט אינטערעס. הונדערטער מענשען, וועלכע האבען צוליעב מאנגעל אין פלאץ ניט געקענט אריינקומען אין טהעאטער, זיינען געשטאנען אויף דער גאס ארום דעם טהעאטער. עס איז דאן אלעס קלאהר געווארען. אם ענדע פונ'ם מאס־מיטינג איז פארגעשלאגען געווארען אנצואווענדען אלע מעגליכקייטען און קרעפטען, אום צו גרינדען א נייע צייטונג, — א פאלקס־צייטונג. דאס גאנצע פובליקום איז געווען שטארק בעגייסטערט פון אזא געלונגענעם פארשלאג.

אין א פאאר טעג ארום וועלען פארקומען איינגע פראטעסט דעמאנסטראציעס געגען דעם "קענעדער אדלער". פון אלע שיכטען פונ'ם פאלק, פאר זיין אונגעהערטע פרעכען בלבול און אונאנשטענדיגע האנדלונג געגען דער סאציאליסטישער פארטיי. צו דער זעלבער צייט וועט אויך געמאכט ווערען אן אנפאנג צו גרינדען די געפלאנטע נייע אידישע, טעגליכע צייטונג.

ווי געזאגט, וואלט דער יעצטיגער קאמפיין אין מאנטרעאל געווען איבערגעגאנגען שטיל, אהן אירגענד וועלכע זייטיגע סענזאציאנען, ווען ניט דער "קענעדער אדלער" זאל זיך געווען עפעס פלוצלונג אויפכאפען פונ'ם שלאף מיט אזא מין ניט געלונגענעם חלום...

פרעזידענט ווילסאנ'ס ערקלערונג וועגען פאלעסטינא פאר אידען.

(ספעציעל צום "אידישען זשורנאל")

וואשינגטאן דעצ. 15.

אין די צייטונגען איז געווען געמעלדעט אז די אמעריקאנער רעגירונג האט געלאזט וויסען דער ענגלישער רעגירונג דאס זי איז פאלשטענדיג איינפערשטאנדען מיט דער דעקלאראציע וואס ענגלאנד האט ארויסגעגעבען בנוגע א אידישע היימלאנד אין פאלעסטינא.

דער וואשינגטאנער פערטרעטער פון "אידישען קארעספאנדענט" האט ערפאהרען אז הגם קיין ערקלעהרונג איז נאך ניט געמאכט געווארען וועגען דער זאך, דאך ערוואַרטעט מען אין די דיפלאמאטישע קרייזען אז דער פרעזידענט וועט אין גיכען ארויסלאזען אזא ערקלעהרונג.

בירגער פון וועסט טאראנטא

אלע וועלען וואוטען

— פאר —

דזש. וו. ברום



זייט ניט קיין אויסנאהם! ווארפט ניט ארויס אייער וואוט! זאל אייך נאכדעם אייער געוויסען ניט פלאגען.

ערוועהלט

דזש. וו. ברום

מענער און פרויען פון קענעדע

זעהט איהר איצט אין דעם מאמענטאנעם חוב. די ריזיגע גרויסע געלעגענהייט וואס אייער שטימע לעגט אויף אייך ארויף מאנטאג דעם 17-טען דעצעמבער 1917? אלעס שטעהט אין סכנה — אלעס צוליעב וועלכען אייערע עלטערן האבען געקעמפט — אלעס צוליעב וועלכען איהר האט געלעבט — אלע גוטע זאכען אויף וועלכע איהר האט געהאפט, וועט שטעהען אדער פאלען, לויט דעם ווי איהר וועט שטימען דעם זיבעצעהנטען דעצעמבער.

דאס איז ניט קיין וואהל, דאס איז א מלחמה מיט'ן „האן"

וועמענס אינטערעסען וועלען געשע־דיגט ווערען אויב איהר וועט אבגעבען אייער שטימע פאר די יוניאניסטישע קאנדידאטען?--דעם קאיזער'ס

וועמענס אינטערעסען וועלען גע־שעדיגט ווערען א ו י ב איהר וועט שטימען פאר לאריער און באראסא?--קענעדעס און די עלליים

וועמענס אינטערעסען וועלען אונ־טערשטיצט ווערען אויב איהר וועט שטי־מען פאר די יוניאניסטישע קאנדידא־טען--קענעדע'ס און די עלליים

וועמענס אינטערעסען וועלען אונטער־שטיצט ווערען אויב איהר וועט שטי־מען פאר לאריער מיט בוראסא'ן--דעם קאיזער'ס

נאך קיינמאהל ביז איצט אין דער היסטאריע פון דיזער גרויסער דאמיניאן איז נאך פארגעקומען אזא שרעקליכער קריזיס. און דאך רופט מען עס אן עלעקשאן און מאנכע ווערעלער שיינען ניט צו פארשטעהען די שרעקליכע וויכטיגקייט. די פאר־איינגטע רעגירונג, וועלכע איז פארמירט געוואָרען פון פארטרעטער פון ביידע, ליבעראלען און קאנסערוואטיווע, האט אנערקענט דאס אין איצטיגען קריזיס מוז פארוואָרפען ווערען פארטיי אנגעהעריגקייטען און עס מוז אנגעווענדעט ווערען יעדע ענערגיע צו געווינען די מלחמה. סאלדאטען זענען אונגעהויער נויטיג. אין פראנקרייך די פאראייניג־טע רעגירונג איז פארפליכטעט צו שאפען די סומע אונטער דעם געדרוכטען געזעץ פון דעם מיליטערישען אקט פון 1917

אייער פליכט איז קלאר
אונטערשטיצט א פאראייניגטע
רעגירונג

באראסא, האט זיך פאראייניגט מיט לאריער'ן וואדום ער ווייסט אז די לאריער פאליסי האט בלויז איין באדייטונג — — — א נ ט ל י פ ט — — נעהמט קענעדע ארויס פון דער מלחמה — — ברעכט אב אונזער צוזאג, צו די בראווע זיהן אין פראנקרייך — — פארשלעפט קענעדע'ס גוטען נאמען אין די אויגען פון דער וועלט — — און מאכט א קלארען וועג פאר'ן קאיזער.

וועט איהר דערלאזען אז קוויבעק זאל ארויפצווינגען איהר ווילען אויף קענעדע?

קוויבעק וועלכע האט פארווארפען איהר חוב צו קענעדע אין דער איצטיגער מלחמה האט געמאכט נויטיג דאס איינ־פיהרען פון קאנסקריפשאן, ווען דער פראנצויזיש - קענע־דער וואלט געטהון זיין חוב אונטער דער וואלונטירען סיס־טעמע פון רעקרוטירונג וואלט ביים היינטיגען טאג ניט גע־ווען אין קראפט דאס מיליטער דיענסט געזעץ פון 1917.

קעמפען אונזערע זיהן אין פראנקרייך און פלאנדערס פאר די פרייהייטען פון אלע מענשען אין קענעדע אדער בלויז פאר א טייל פונ'ם פאלק?

זאל די פאראייניגטע רעגירונג אומגעקעהרט ווערען און מאכט איינצופיהרען אומפארטייאיש דאס מיליטערישע גע־זעץ און שאפען די 100.000 סאלדאטען פונ'ם גאנצען פאלק פון קענעדע, צווינגענדיג יעדע פראווינץ צו טהון איהר חלק אדער זאל לאריער און באראסא צוגאר־ניט־מאכען דאס מי־ליטערישע געזעץ?

די פאבליסיטי קאמיטע פון דער יוניאניסטישער פארטיי.

שטימט פאר
מיידזשאר קראנין

די יעצטיגע גרויסע מלחמה אין איראפא און פאלעסטינא איז פאר דער וועלטליכער פריי־הייט געגען דער טיראני און ברוטאליטעט פון דער פרייסישער אוטאקראטיע

קענעדע איז אוטאמאטיש אריין אין דער מלחמה ווען גרויס בריטאניען איז אריין אין דער מלחמה

קענעדע האט פארשפראכען איהר עהרע איהרע מענער, איהר בלוט און איהרע געלד צו קעמפען פאר פרייהייט ביז צום לעצטען מאן און'ם לעצטען דאלאר

סער ראבערט באָרדען האט עטאבלירט א „יוניאן גאווערנ־מענט" וועלכער בעשטעהט פון די בעסטע מענשען פון אלע פארטייען אזוי אז מען וועט קאָנען פאָרזעצען די מלחמה מיט פולער קראפט. סער ווילפריעד לאריער איז געגען דער „יוניאן גאווערנמענט" וועלכער איז אויך געגען דער מלחמה, ער ווערט אונטערשטיצט פון די וועלכע זענען געגען גרויס בריטאניען פון די וועלכע ווילען קענעדע זאל אויפהערען קעמפען, פון די וועלכע וואלטען געלאזען דעם קייזער צו טהאן וואס ער וויל און פערשקלאפען אלע קליינע נאציאָנען אין איראפא.

אויב דיזע מענשען וואלטען געהאט די מאכט וואלט דער טערק געהערשט אין פאלעסטינא נאך טויזענד יאהר און יעדער נאציאן וואלט געווען אונטער דער הערשאפט פון דעם קייזער.

אין לאנדאן, איז געארג ס. גיבאנס דער קאנדידאט וועלכער שטיצט סער ווילפריד לאריער.

מיידזשאר האס קראנין שטיצט די „יוניאן גאווערנמענט" אין סער ראבערט באָרדען אין די מלחמה פאר פרייהייט און ציוויליזאציע.

אין טאג פון די וואהלען דעם 17-טען דעצעמבער

שטימט פאר
קראנין
און פרייהייט

בירגער פון סענטער טאראנטא פארנאכלעסיגט ניט אייערע שטימען

אלע וועלכע זענען בערעכ־טיגט צו שטימען טארען עס ניט פערנאכלעסיגען. אויב איהר ווילט וויסען צו איהר זייט אויפ'ן וואוטערס ליסט, קומט אין אלדערמאן רעמס־דענס קאמיטע רומס, און ווערט דארטען געוואר וועגען אייער רעכט צו שטימען.

רעמסדענס קא־מיטע רומס זענען

קארנער עליזאבעטה און דאנדע'ס סטריט
קארנער ביוקענען און יאנג סט.
פארלאנגט סתרוכעניום

ערוועהלט אלדערמאן רעמסדען אלס פארלאמענט מיט־גליעד פאר סענטער טאראנטא.

פארקדייל
שטימט פאר וואלדראן
דער ליבעראלער קאנדידאט
צו פאראייניגען די געזעלשאפט ניט צו פארניכטען

די געהיימע פאגראם ארגאניזאציע אין רוסלאנד ענטדעקט

פעטראגראד. די געהיימע פאגראם ארגאניזאציע „גראזא" וועגען וועלכער מיר האבען רעכט צייטיג מודיע געווען איז שוין ענטדעקט און איהרע פיהרער ארעסטירט.

דיזע ארגאניזאציע האט געדרוקט א ניט לעגאלע צייטונג מיט דעם נאמען „גראזא" וועלכע איז שטארק פערברייטעט געווארען צווישען די סאלדאטען און אין וועלכער מען האט גערופען די סאלדא־טען צו מאכען פאגראמען אויף אידען. אלע ארטיקלען פון דיזער צייטונג זענען געווען פול מיט פערלוימדונגען און בלבולים אויף אידען.

איצט האט מען ענטדעקט אז דיזע ארגאניזאציע האט געהאט איהר הויפט קווארטיר אין פעטראגראד. די פיה־רער זענען געווען דער בעוואוסטער אנטי־סעמיט גאמזוי גאמזעיעוויטש און בער־מאיעוו. אין א קעלער אויף ראזשדעסט־ווענסקא גאס האט זיך געפונען א קליינע אבער זעהר גוטע דרוקעריי, וואו דיזע צייטונג איז געדרוקט געוואָרען. פון די דאקומענטען וואס מען האט געפונען ביי די פיהרער פון דער ארגאניזאציע האט זיך ארויסגעשטעלט, אז זיי האבען גע־פלאנט ארויסצוגעבען א גרויסע לעגאלע טעגליכע צייטונג אין פעטראגראד מיט דעם נאמען סאציאליסט.

דער ענטדעקער פון דיזער געהיימער ארגאניזאציע וועלכע האט זיך אויך גע־רופען „היילינע רוסלאנד" איז דער אפי־ציער ניקאלאי סטעמבא. א ברודער פון דעם פערשטארבענעם בעוואוסטען זשור־נאליסט סטעמבא. ער האט געדיענט אויף דעם רומענישען פראָנט וואו דיא פאגראם ארגאניזאציע האט זעהר פליי־סיג געארבייט, און עס איז איהם גע־לונגען צו בעקומען וויכטיגע דאקומענטען און אינפארמאציעס, דאן איז ער געפאהרען קיין פעטראגראד, וואו ער האט ענט־דעקט אלע איינצעלהייטען און זיי איבער־געגעבען דער רעגירונג.

פארקלענערט די סכנה
דורך געברויכען
עדיע'ס
„סיילענט 500-טער"

שוועבעלאך וואס לעשען זיך בעמיש אליין אויס און „האלטען ניט אן קיין פייער". עדיע איז דער איינציגער אין קענעדע וואס מאכט די דאזיגע שוועבעלאך. יעדעס איינציגע העל־צעל ווערט איינגעטונקען אין אזא כע־מישע צולאזונג פליסיגקייט, וועלכע פערזיכערט פאזיטיוו אז דאס שוועבע־לע ווערט „טויט העלץ" נאך דעם ווי עס איז איינמאהל אנגעצונדען געוואָ־רען און אויסגעלאשען.

פאסט אויף דאס אויפ'ן באקסעל זאָל זיין אויפגעשריבען:

Chemically self-extinguishing
THE E. B. EDDY CO., LIMITED
HULL - CANADA.

האט רחמנות אויף יאנוסטאווער רב!

אין לעצטען מאנטאגדיגען טאגע־בלאט איז געווען א הערצרייסענדער אפיל פון דעם 80 יאהריגען גאון ר' בתראיל 45 יאהר יאנוסטאווער רב. צו זיינע לאנדסלייטע אין אמעריקא זיי זאָ־לען איהם ניט לאזען אויסגעהן פון הונגער, ער איז פערטריבען געוואָרען פון יאנוסטאוו ער איז נעבאך נע ונד אויף די אלטע יאהרען, א שטיין קען געריהרט ווערען פון זיין אבשילדערונג פון זיין ביט־טערער לאגע, איך אפעליער צו די יא־נוסטאווער, סובאלקער און די ארומיגע שטעדט וואס געפינען זיך אין טאראנטא שיקט ארויין אייער נדבה צו מיר. יעדענס נאמען וועט זיין אדווערטייזט אין זשור־נאל. לייגט ניט אב, וואס שנעלער טהוט דאס מיר זאלען קענען דאס אבי־שיקען פער טעלעגראף, זאל די הילף חלילה ניט קימען צו שפעט לאמיר קענען לפחות זאגען ידינו לא שפכה את הדם הזה.

הרב מאיר צבי לעווין חופו"ק
112 באלדווין, טעלעפאן קאלעדזש 6903

לאנדאן
ארבייטער ליבעראלער קאנדידאט
פרייהייט און דעמאקראטיע
שטימט פאר
געארג ס. גיבאנס
פארהיט קענעדע פון דער הערשאפט פון די גרויסע קאפיטאליסטען

די מנורה

פון דר. טהעאדאר הערצל.

חנוכה צייט מיט 18 יאהר צוריק, איז ערשינען א קליין ביכעלע „די מנורה" פון דר טהעאדאר הערצל.

דאס איז געווען די עפענטליכע ערקלעהרונג פון זיין צוריקקעהרען צו זיין פאלק, פון וועלכען ער איז געווען פריהער פארפרעמדט. ער רעדט פון זיך אין דער דריטער פערזאן.

דאס איז די ווארים־הארציגע ודוי פון א מאן וואס וועהט אויפגעצעהרט פון זיין פאלקס יסורים דאס ביכעלע אליין וואלט גענוג געווען איהם צו דערהויבען צו דער מדרגה פון א גרויסען דיכטער.

אויב איך האב ניט קיין טעות איז דאס די ערשטע איבערזעצונג אין אידיש.

(איבערזעצער)

טיעף אין הארצען האט ער אנגעהויבען פיהלען דעם דראנג צו זיין א איד. זיין מצב איז חוקא געווען ניט שלעכט. ער האט געהאט א פיינע הכנסה און א פראפעסיאן וואס האט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו טהאן וואס זיין הארץ גלוסט, דען ער איז געווען א קינסטלער. זיין אידישע אבשטאמונג און די אמונה פון זיינע עלטערען האבען איהם שוין לאנג אויפגעהערט צו דאקוטשען. פלוצלונג איז די אלטע שנאה ווידער ארויסגעקומען פון אויבען און א נייעם געפילדער פון המון. מיט פיעלע אנדערע האט ער געגלויבט אז די כוואליע וועט אין קורצען געבלאזען. אבער קיין ענדערונג צו בעסער איז געקומען. באמת איז די זאך נאך ערגער געווארען. און יעדער שלאג, הגם ניט געריכטעט געגען איהם, האט איהם געטראפען מיט פרישע יסורים. ביז זיין נשמה איז ביסלעכווייז געווארען א בלוטענדע וואונד. אט דער צער, בעגראבען טיעף אין זיין הארצען און דארטען ליגענדיג שטום האט ארויס געדרענגט צו זיין מוח געדאנקען וועגען זיין אבשטאמונג און זיין יודענטהום. איצטער האט ער אנגעהויבען צו פיהלען דאס וואס ער וואלט אין די פריהעריגע צייטען — צוליעב פרעמדקייט און דער ווייטערונג — פיליכט ניט געקענט פיהלען. ער האט אנגעהויבען ליעבען זיין אידענטהום מיט שטארקער התלהבות. הגם ביי זיך אליין האט ער אין אנפאנג גוט געקענט רעכטפערטיגען די נייע בענקשאפט, איז זי דאך מיט דער צייט געווארען אזוי שטארק, דאס פון אן אונבעשטימטען געפיהל האט זי זיך ארויסגעלייטערט אין א בעשטימטען געדאנק וועלכען ער האט געמוזט אויסדריקען. דאס איז געווען די איבערצייגונג אז נאר איין לייזונג איז פאראן צו דער „יודען נויט" — דער ריקקעהר צום יודענטהום.

ווען זיינע נאהענסטע פריינד וואס זיינען געווען אין דעמזעלבען שטאנד ווי ער האבען דערפון זיך דערוואוסט האבען זיי ערנסט געשאקלט די קעפ און זיינען אפילו געווען בעזארגט וועגען זיין פערשטאנד. דען ווי אזוי קען די זאך וואס מאכט דאס אונגליק נאך שארפער ווערען א רפואה צום אונגליק? אבער ער האט געגלויבט אז זייער שברת הלב איז א־יזי גלייס דערפאר וואס דער איד פון היינט האט פערלארען דעם אינהאלט וואס איז געווען דאס סאמע לעבען ביי זיין פאטער. זיי האבען פון איהם חוזק געמאכט הינטער זיין רוקען, אנדערע האבען אפילו געלאכט איהם אין פנים אריין. אבער ער האט זיך ניט געלאזט אראפברייגגען פון זיין וועג דורך די מחזקות פון מענשען פאר וועמעס שארפקייט פון חוש ער האט קיינמאהל ניט געהאט קיין צו גרויסען רעספעקט, און ער האט אריבער געטראגען זייער וויצלען זיך און זייערע שטעכווערטלאך מיט דערזעלביגער גלייכגילטיגקייט. און אזוי ווי אין אלע אנדערע הינזיכטען האט ער זיך בענומען ווי א קלאהרער מענש, האבען זיי איהם געלאזט זיך דרעהען זיין קאפ מיט דער פאנטאזיע וועלכע מאנכע פון זיי האבען אנגערופען מיט א שלעכטערען נאמען אלס שגעון.

ער אבער האט מיט כאראקטעריסטישער עקשנות פארטגעזעצט צו ענטוויקלען פון זיין טיעפער איבערצייגונג איין אידעע נאך דער אנדערער. אין דער צייט איז ער טיעף געריהרט געווארען פון איינעם שמר פאלען, הגם זיין שטאלץ האט איהם ניט געלאזען ארויסווייזען וואס ער האט געפיהלט. אלס מענש און אלס ארטיסט פון דער נייער שולע האט ער נאטירליך זיך געהאט איינגעאייגענט פיעלע ניט אידישע מדות, און זיין שטודירען אין פארצייטיגע קולטורען און צייטליכצייטען האבען איבערגעלאזען אויף איהם אונאויסלעשליכע איינדריקע. ווי אזוי מאכט מען אז די זאלען זיין אין איינקלאנג מיט זיין צוריקקעהרען צום יודענטהום? אפט איז ער געפייניגט געווארען פון צווייפעל וועגען די געווענקייט פון זיין הויפט געדאנקען. זיין „באלעבוסטאוועגונג"? — ווי א פראנצויזישער דענקער הייסט עס. פיליכט איז דער איצטיגער דור, וואס איז אויפגעוואקסען אונטער דעם איינפלוס פון פרעמדע קולטורען ניט מעהר פעהיג אויף אזא צוריקקעהרען וועלכע ער האט אויסגעפאסט אלס זייער גאולה? אבער א קומענדער דור וועט דאס בעוויזען צו טהאן אויב אזא דור זאל בעצייטענס ערהאלטען די נויטיגע ווייזונג. ער האט דעריבער בעשלאסען דאס מינדעסטענס צו זיינע אייגענע קינדער זאל געוויזען ווערען דער ריכטיגער וועג, זיי זאלען ערצויגען ווערען אלס אידען אין זייער אייגענער היים.

ביז צו דער צייט האט ער אלע מאל געלאזט אונבעמערקט פערבייגעהן דעם יום טוב וואס די וואונדערבארע ערשיינונג פון די מאקבעער האט דורך טויזענדע יאהרען בעלויכטען מיט דעם שיין פון קליינע ליכטלאך. איצטער אבער האט ער דעם יום טוב גענומען פאר א געלעגענהייט צוצוגרייטען עטוואס שעהנעס וואס זאל אייביג בלייבען אין זכרון פון זיינע קינדער. אין זייערע יונגע נשמהלאך זאל בעצייטענס פערפלאנצט ווערען א פעסטע איבערגעבענהייט צו זייער אלטען פאלק. ער האט געקויפט א מנורה און ווען ער האט געהאלטען דעם לייכטער מיט די ניין רערען אין האנד איז צום ערשטען מאהל אויף איהם געקומען א זאנדערבארע שטימונג. אין זיין פאטערס הויז ווען ער איז יונג געווען האבען אויך אמאהל געברענט די ליכטלאך, און די ערינערונג האט געוועקט אין איהם א כרה שתהדה׳דיגע צארטע בענקשאפט נאך אהיים. די טראדיציע איז ניט געווען אלט, ניט געווען טויט, אזוי איז געקומען דורך פיעלע דורות, איין ליכטעל צינדט אן דאס אנדערע. א חוץ דעם האט די אלטע פארמע פון דער מנורה געוועקט זיין אינטערעסע. ווען איז נאר דער ערשטער מוסטער פון דער מנורה געמאכט געווארען? עס איז קלאהר אז דער פלאן פון דער מנורה איז גענומען געווארען פון א בוים — אין מיטען דער פעסטער שטאם, רעכטס און לינקס צו פיער צווייגען, איינער אונטער אנדערען, און אלע פון דערזעלביגער הויך. שפעטער איז דער קורצער נייגטער צווייגעל צוגעמאכט געווארען צו דיענען אלס שמש. וועלכע סודות ורמזים האבען די דורות וואס האבען געפאלגט איינער דעם אנדערען אריינגעטראכט אין די פארמען פון קונסט וואס איז צוגלייך איינפאך און נאטירליך? און אונזער ארטיסט האט זיך געפרעגט אין וואונדער, אויב עס איז ניט מעגליך ווידער צו בעלעבען די פארשטארטע פארמע פון דער מנורה, צו וועסערען איהרע ווארצלען ווי מען טהוט מיט א בוים. דער קלאנג פון דעם נאמען אליין וואס ער האט איצטער יעדען אבענד ארויסגערעדט פאר זיינע קינדער האט איהם געגעבען גרויסען תענוג, א האר צינזנער קלאנג איז געלעגען אין דעם ווארט ווען עס איז ארויסגעקומען פון די ליפען פון די קליינע קינדער.

די ערשטע נאכט איז דאס ערשטע ליכט אנגעצונדען געווארען און אורשפרונג פון יום טוב איז ערקלעהרט געווארען. דער נס חנוכה. דאס צוריקקעהרען פון בבל. דער צווייטער טעמפעל, די מכבים. אונזער פריינד האט דערציהלט זיינע קינדער אלץ וואס ער האט געוואוסט. דאס איז אודאי ניט געווען פיעל, אבער עס האט געקלעקט. ביי דער צווייטער ליכטעל האבען די קינדער איבערגערציהלט וואס זיי האבען פון איהם געלערנט, און עס האט איהם געקלונגען ווי גאנץ ניי, און וואונדערשעהן. אין די טעג וואס האבען געפאלגט האט ער קוים זיך דערווארט אויף די אבענדען וועלכע זיינען אלץ געווארען ליכטיגער. ליכטעל נאך ליכטעל איז אנגעצונדען געווארען אין דער מנורה. און דער פאטער האט געחלומט איבער די ליכטלאך מיט זיינע קינדער, ביז זיינע געדאנקען זיינען געווארען צו טיעף אום זיי אויסצודריקען פאר די קינדער.

ווען ער האט בעשלאסען צוריקצוקעהרען צו זיין פאלק און זיין צוריקקעהרען צו קאנט צו מאכען, האט ער נאר געמיינט צו טהאן אן עהרענהאפטע און שכל׳דיגע זאך. אבער איהם האט זיך ניט געחלומט אז ער וועט אויך דערין געפינען א בעפרידיגונג צו זיין געפיהל פאר שעהנקייט. דאך איז געווען זיין גוטער מזל דאס צו געפינען. די מנורה מיט איהרע פיעלע ליכטלאך איז געווארען פאר איהם א זאך פון שעהנקייט, צו וועקען אין איהם שטאלצע געדאנקען. האט ער מיט זיין געניטער האנד געצייכענט א פלאן פיר א מנורה אלס מתנה פאר די קינדער צום נעקסטען יאהר. ער האט געמאכט פרייען געברויך פון דעם גוסט פון די אכט צווייגיגע ארמס וואס שרייטען זיך אוים רעכטס און לינקס פון דעם צענטראלען שטאם. ער האט זיך ניט געהאלטען געבונדען צו דער טראדיציאנעלער פארמע אבער האט געשאפען דירעקט פון דער נאטור, ניט קימערענדיג זיך וועגען אנדערע סימבאליזמען וואס האבען אויך געזוכט אן אויסדרוק. ער האט זיך אויסגעלאזט זוכען לעבעדיגע שעהנקייט אין הגם ער האט געגעבען צו די וועלכע ציינען נייעם לעבען האט ער זיך געהאלטען שטרענג צו דער אוידעלער חשיבות פון דער מנורה. עס איז געווען א בוים מיט פיינע צווייגען, און די שפיצען געבילדעט ווי בליצען צו האלטען די ליכטלאך.

די וואך איז אוועק אהן שווערע מיהען דאן איז געקומען דער אכטער טאג ווען די גאנצע צייל ברענענדע ליכטלאך איז געווען פאר פיל, און אפילו דער געטרייער שמש וואס אין פריהעריגע נעכט האט ער נאר געדיענט אנצוצינדען אנדערע, האט געשיינט, א הערליכע ליכטיגקייט האט געשטראמט פון דער מנורה. די קינדערשע אויגעלאך האבען געלויכטען אבער פאר אונזער פריינד איז דאס געווען א סימבאל פון דער אויפלייכטונג פון א נאציאן.

ווען נאר איין איינציגע ליכטעל ברענט איז אלעס דונקעל און דאס ליכטעל שמייכעט מעלאנכאליש, די פינסטערניש מוז צוריקטרעטען, דאס ליכט קומט צוערשט צו יונגע און צו ארעמע — דאן שליסען זיך אנדערע אן די וואס ליעבען גערעכטיגקייט, וואהרהייט, פרייהייט, פארטשריט, מענשליכקייט און שעהנקייט. ווען אלע ליכטלאך ברענען דאן מוזען מיר אלע זיך איפהויבען און זיך פרעהען איבער דעם הערליכען אויפטהו, און זיין עובדא קען ניט זיין מער געבענשט ווי די עובדא פון דעם שמש אן צוצינדען די ליכט.

(ל. ז.)

זאגט שמערעל משה ש׳מעלעם

שמערעל משה שימעלעס איז ווי ער אליין זאגט א „ציטיזענער". ער רעדט דעריבער וועגען פאליטיקס וואו ער שטעהט און געהט. — אונטערגעהערט און איבערגעגעבען מיט זיין לשון.

פון שמש

הייסט עס אידישע קינדער אז מיר האלטען שוין ביים יום הדין, אט אט און מיר וועלען שוין וויסען וואו מיר האלטען אין דער וועלט. מיר וועלען שוין באלד וויסען „מי בחרב", ווער עס וועט זיין א סאלדאט און „מי ברעב" און ווער עס וועט בלייבען דא פוכנען פון הונגער און לייגען די ציין אויף די פאליצעס.

מיר האלטען שוין מיינע טהייערע, „ציטיזענערס" גאר ניט ווייט פון דעם. און וויל דאס איז אזוי קיצעלט מיך שטארק אונטער׳ן „ארבע כנפות" איך קען זיך ניט איינהאלטען איך מוז עפעס זאגען און הערט מיך אויס.

מיר האבען שוין אויסגעהערט די טענות פון די ביידע צדדים מיר וויסען שוין גאנץ גוט וואס זיי ווילען, אבער איך בעט מיינע טהייערע „ציטיזענערס" מאכט ניט קיין טעות, איהר מיינט אז זיי ווילען אונז גליקליך מאכען, ניין חלילה דאס ווילען זיי קיינער ניט, וואס זיי ווילען איז אז מיר זאלען זיי עלעקטען, דאס הייסט וויסען מיר שוין קלאהר. און די טענות זייערע זעהט איהר בין איך שוין ניט אזוי קלאהר.

לאמיר נאר א שמועסט טהון אזוי גאנץ אפען צווישען זיך וואס זענען זייערע טענות.

וועגען דער מלחמה איז דאך אבגערעדט

זייערע אלע טענות זענען מחילה ניט ווערטה קיין פעטרישקע ווארים צווישען מיר און אייך זאל דאס א סוד בלייבען, זיי אט די קאנדידאטען וועלכע לויפען אין אונזערע געגענדען קענען האבען אזוי פיעל א ווירקונג אויף דעם ווייטערען גאנג פון דער מלחמה פונקט ווי איך און איהר אט טאקע דא און „חאצקעל" מיט א רעזאלוציע ביים מיטינג פון די פועלי ציון. נאך וואס זאלען מיר זיך נארען, מיר וויסען דאך אז די הויפט רעדעל פיהרער פון דער שפיעל זיצען אין וואשינגטאן, לאנדאן און בערלין און מיר מיט אונזערע קאנדידאטען קענען דערצו העלפען וויפיעל דער אידישער חברה מאן אין סענטער טאראנטא, וועלכער לויפט ארום ווי א כלב און בילט אויף דער לבנה.

הייסט עס אז וואס עס איז שייך דער מלחמה איז ניטא וואס צו ריידען. וואס־זשע דען, די אנדערע טענות, דער יקרות דאס ליגען אין דער ערד, דאס ניט לאזען דעם קאפ אויפהויבען, די ביז יעצטיגע צרהדיגע פערטערשאפט, די גרעפט־סקאנדאלען. די „יוניאן ביזנעס" און אזוי ווייטער און אט וועגען דאס לעצטע וויל איך אייך עפעס זאגען.

געווען זענען ביי אונז אין שטעדטעל אין סאמאכאוואלאוקע צוויי קרעמער פשוטע קרעמער נו ווייסט איהר דאך וואו צוויי דארטען האפען זיין מחלוקות ווי להבדיל דארט וואו עס זענען דא צוויי רבנים, צוויי שוחטים, צוויי בתי מדרשים א. א. וו.

די צוויי קרעמער האבען חוץ דער ביטערער קאנקורענציע געהאט טעה צו פערקויפען. יעדער איינער האט געשריהען אז נאר ביי איהם איז די אמת׳ע פאפאוס טעה פון מאסקווע און דער צווייטער איז א שווינדלער, ביידע האבען אבער גאנץ גוט געוואוסט אז זייער טעה איז פון אזא פאפאוו וואס איז „מייד אין סאמאכוואלאווקע.

אזוי האבען זיך אונזערע קרעמער געריסען ביי די גארגלען ביז זיי האבען זיך ארומגעזעהען אז דאס שפיעל איז פאר׳ן טייפעל. זיי האבען זיך בעקלעהרט, וואס וועט זיין אז איינער פון די סאמאכלאווקער תושבים וועט זיך ארויסכאפען איבער די גרענעצען פון סאמאכוואלאוקע און וועט דערזעהען אן אמת׳ן פעקעל טעה פאפאווס וועלען זיי דאך ביידע ליגען אין דער ערד.

אז זיי זענען געפאלען אט אויף דעם שכל האבען זיי זיך בשתיקה פון זייערע קונים געזעהען איינער מיט׳ן צווייטען און האפען געזאגט איינער צום אנדערען.

מיר וויסען דאך ביידע גאנץ גוט וואס פאר א פאפאוס טעה מיר האבען, צו וואס־זשע דער געשריי, טאמער וועלען זיך אונזערע סאמאכוואלאוקער ארומזעהען מיט וועלכער טהע מיר קארמענען זיי וועלען מיר ביידע ליגען אין דער ערד, און זיי האבען זיך דעריבער געגעבען תקיעת כף, עס זאל זיין „יוניאן" שא שטיל, קיין ווארט וועגען טעה, און ביז היינטיגען טאג טרינקען די סאמאכוואלאוקער תושבים מאסקווער פאפאוס טיי „מייד אין סאמאכוואלאוקע".

איהר פערשטעהט איך האב זיך דערמאהנט אויף דער געשיכטע ווען אונזער „יוניאן גאווערמענט" איז געגרינדעט געווארען...

מיר וואלטען דאך אויך אין קענעדע געטרונקען די זעלבע פאפאוס טיי „מייד אין סאמאכוואלאוקע" ווען עס וואלטען ניט געווען ארויסגעקראכען די עטליכע ארבייטער קאנדידאטען און די ליבעראלען, אמת די גרויסע „חעפט" די קהעמער האבען צווישען זיך אבגעמאכט עס זאל זיין שא שטיל „חאטא פאקרושקי", איז אבער די ביטערע קאנקורענציע אויף דער וועלט פאראן און עס זענען געקומען אנדערע און האבען אויסגעזאגט דעם סוד.

יעצט אז מיר וויסען שוין דעם סוד. לאמיר זעהען וואס דא טהוט זיך.

מיך ארט ניט וואס עס טהוט זיך אין די אנדערע געגענדען. מיך ארט פאר סענטער און וועסט טאראנטא וואו א היבש ביסעל פון אחינו בני ישראל זענען די שטימען געבער און אן אונז וועגדט זיך א היבש ביסעל ווער עס זאל ערוועהלט ווערען.

און אז מיר ריידען וועגען דעם וועל איך אייך דערצעהלען א שעהנע געשיכטע.

איינער פון סענטער טאראנטא וועלכער פערטרעט דעם געגענד אין פארלאמענט האט די גאנצע צייט וואס ער איז ניט געווען אין קענעדע געהאלטען אין איין שטאפען עטליכע אידישע פאבריקען מיט גרויסע ארדערס, ער איז געווען זיכער אז די אידישע וואוטס זענען ביי די פאבריקאנטען אין קעשענע. ווען ער איז געקומען אין קענעדע און האט זיך גענומען צום קעמפיין האט ער זיך ארומגעזעהען אז די דאלארס האבען טאקע די פאבריקאנטען, נאר די אידישע וואוטס ניט, איז ער געפאלען אויף א שכל און האט ארויסגעשטעלט א אידישען „סטראשידלע" אום אט דער „סטראשידלע" זאל אבציהען די אידישע וואוטס פון זיין געגען קאנדידאט איהר פערשטעהט.

נו געדענקט זשע וואס איך זאג אייך און אידעלאך איהר מעגט אייך שטימען פאר וועמען איהר ווילט מיר מאכט עס ניט אויס, נאר טאמער חלילה זאל די שעה ניט זיין וועט אייך איינפאלען א געדאנק צו שטימען פאר דער סטראשידלע מעגט איהר זיך בעצייטענס ארויסקלייבען פון טאראנטא און וועט מעגען געהן אין א מקוה פון הונדערט טויזענד מאהל הונדערט טויזענד סאה, ווייל איהר האט זיך אנגעריהרט אן א שרץ.

שטימט פאר א פיפערנאטער, פאר א געפיינערטער קאץ, פאר וועמען איך פאלט ארויף אויפען זינען אבי ניט פאר דעם וועלכער געהט אחום און זאגט אז איהם ברעהט שטארק וואס מען האט צוגענומען ביי פיעלע אידען זייערע וואוטס.

וועגען וועסט טאראנטא אידעלאך איז שוין א הארבע שאלה. וואלט איך געוואוסט אז איהר וועט אלע שטימען פאר׳ן ארבייטער קאנדידאט, וואלט געווען זעהר א וואילע זאך אי איך אי איהר וואלטען זיך געמעגט פרעהען ווען ער וועט ערוועהלט ווערען. איך ווייס דאך אבער אז איהר וועט אייערע שטימען צוטהיילען, האלב דעם און האלב יענעם. וואלט איך אייך געוואלט בעטען, מאכט אב אייער מיינונג פריהער און שטימט פאר איינעם, צוואווארפט ניט די שטימען אזוי, אז דער דריטער זאל ארויין. בעסער וואלט געווען ווען איהר שטימט אלע ווי איין מאן פאר׳ן בעל מלאכה און א סוף און עק.

אבער עס איז ניט מיין דאגה טהוט אייך וואס איהר ווילט איין זאך מוזט איהר אין זינען האבען הערט אויף צו טרינקען פאפאוס טיי „מייד אין סאמאכאוואלאוקע"...

האט מיר אייך א גוטען טאג מיר וועלען זיך זעהען דינסטאג פריה און איך וועל זעהען וואס פאר א פנים מיר וועלען אלע האבען.

בעט אייך דער ווייל אוים א חתימה טובה, די כתיבה איז ביי אייך אליין אין האנט.

גראנד־עזער פלאן צו העלפען האליפאקס פא־אונגליקטע

האליפאקס נ. ס. דעצעמבער 15

די רעליעף קאמיטע וואס דארף העלפען די פעראונגליקטע פון האליפאקס האט אויסגעארבייט א גראנדיעזען פלאן ווי אזוי צו פערהיילען כאטש אביסעל פון די וואונדען וואס די עקספלאזיאן האט פעראורזאכט. דער גאנצער פלאן איז נאך ניט פערעפענטליכט געווארען אבער פון זיכערע קוועלען האט מען זיך דערוואוסט דאס די קאמיטע שטרעבט איבערצובויען דעם גאנצען חרוב געווארענעם קווארטאל מיט די בעסטע און מאדערנסטע געביידען. אויף׳ן פלאץ וואו עס זיינען פריהער געשטאנען ארעמע הילצערנע ארבייטער הייזלאך וויל די קאמיטע אויסבויען גוטע שטיינערנע געביידען. דער פלאן וועט, וואהרשיינליך, אין א פאר טעג ארום פערעפענטליכט ווערען און אויך וויפיעל געלד עס וועט נויטיג זיין דערצו און ווי אזוי די קאמיטע רעכנט איהם דורכצופיהרען.

די דערוויליגע הילפס ארבייט געהט אן סיסטעמאטיש, און אלע טהיילען פון שטאדט זענען געמאכט געווארען עטליכע הויפט קווארטירען וואו עס ווערען ארויסגעגעבען שטיצע און קליידונג צו יעדען איינציגען וואס ברענגט א צעטעל פון א גלח אדער פון אן אנדערען בעוואוסטען פערזאן.

איינגע אמעריקאנער פירמאס האבען אריינגעשיקט גלאזווארג, שיך און אנדערע נויטיגע זאכען. די טי. איטאן קאמפאניע, און די ראבערט סימפסאן קאמפ. פון טאראנטא האבען געשענקט איינגע פלעצער און טהיילען אוים שטיצע.

סער דזשארדזש פאסטער פערוואונדעט

מיניסטער פון האנדעל און קאמערץ ליגט אין האספיטאל

פרייטאג 6 א זייגער אין אבענד איז סער דזשארדזש פאסטער, דער מיניסטער פון האנדעל קאמערץ אומגעווארפען געווארען אן אינדזשען אין יוניאן סטיישאן און איז אזוי שטארק צושלאגען געווארען אין עטליכע פלעצער פון דעם קערפער, דאס מען האט איהם געמוזט צונעהמען אין דזשענעראל האספיטאל וואו ער וועט מוזען פערבלייבען ארום 2 וואכען צייט.

סער דזשארדזש פאסטער וועלכער איז א קאנדידאט אויף דעם יוניאניסטישען טיקעט׳ האט געדארפט האלטען א רעדע אויף א פאליטישער פערזאמלונג אין בראונס סקוהל, עוועניו ראוד, און וועלענדיג ארויפגעהען אויף א טריין צו פאהרען וואו ער האט געדארפט האט ער ניט געזעהען אז אויף איינער פון די טרעקס איז אנגעקומען א אינזשען, אנטקעגען איהם, און אלס רעזולטאט איז ער אומגעווארפען געווארען. ווי די באהן ארבייטער בעהויפטען איז נאך געווען א גליק וואס ער איז ניט געהרגעט געווארען אויף טויט. דער אינזשען האט איהם בלויז געגעבען א שטארקען שטויס אין זייט און איהם ארונטערגעווארפען פון די טרעקס. פאלענדיג אבער האט ער זיך נאך מעהר צושלאגען איבערען פנים און אנדערע גליעדער.

יאפאנעזער האבען פאר נומען וולאדיוואסטאק

לאנדאן דעצ. 15

באריכטען זענען דא ערהאלטען געווארען אז די יאפאנעזער האבען פארנומען וולאדיוואסטאק.

ביז שפעט נעכטען אוונט האט דער ענגלישער אויסלענדישער אפיס ניט ערהאלטען קיינע אפיציעלע נייעס וועגען וולאדיוואסטאק און וועגען דער פאסירונג דארטען.

אלעס וואס דער אויסלענדישער אפיס ווייס איז פון די צייטונגען.

שוין לאנג איז באריכטעט געווארען אז די עלליים וועלען ניט ערלויבען אז די אמוניציע און אנדערע פראוויאנטען וועלכע געפינען זיך אין וולאדיוואסטאק זאלען אריינפאלען אין די הענט פון די באלשעוויקעס, און די עלליים וועלען אננעהמען אלע מיטלען דאס ניט צו דערלאזען און ווי מען פארשטעהט האט עס יעצט יאפאן גענומען פאר די עלליים.

ביז יעצט איז נאך יאפאן ניט ערהאלטען געווארען קיינע בעריכטען וועגען דעם דאזיגען פאל אויך פון רוסלאנד האט מען גארנישט געהערט.

פארלאנגט א באי מיט א ביציקעל
אהער א מאן מיט א פערד נאכ־
פרעגען זיך אין אפיס פון זשורנאל

לאנדאנער שטימט פאר באָרדענס קאנדידאט

די „יוניאן גאווערמענט" ווערט איגנארירט פון אלע עלעמענטען, און זי דארף אויך אינדארסירט ווערען פון די אידען.

אין לאנדאן איז דער יוניאן גאווערמענט קאנדידאט מיידזשאר קראנין, און מיידזשאר האום קראנין דארף ערוועהלט ווערען אין לאנדאן מיט א גרויסער מאיאריטעט, ווייל ער וועט שטיצען סער באָרדענס אדמיניסטראציע.

שטימט מארגען פאר יוניאן און פאר מיידזשאר האום קראנין. שטימט פריה, און זעהט אז איהר זאלט מאכען דעם צייכען ביים ריכטיגען נאמען.

שטימט פאר קראנין און א גוטע רעגירונג.

(אהווער.)

נייווי קאנסיל געגרינדעט

וואשינגטאן דעצ. 15

עס איז געגרינדעט געווארען אן אלאירטער נייווי קאנסיל. וועלכער זאל אנפיהרען די אפעראציאנען פון אלע נייווים געגען די צענטראלע מעכטע אזוי מעלדעט דער אמעריקאנער אדמיראל סימס אין א טעלעגראמע צום היגען נייווי דעפארטמענט פון פאריז.

די מיטגלידער פונ׳ם נייווי קאנסיל וועלכער איז עטאבלירט געווארען לויטן באשלוס פון דער אינטער־אלליי קאנפערענץ אין פאריז זאגט ווייטער די טעלעגראמע וועלען באריכטען צו זייערע רעגירונג יעדערער באזונדער און אלע צוזאמען וועגען אלע אונטערנעהמונגען.

יין ישמח לבב אנוש

צו אלע אנטעריאר אידען

מיר קומען צו אייך מיט אן איבערראשענדע נייעס. אייער אלט בעקאנטער פריינד

סעם גינשערמאן

פון 22 קלארק סטריט מאנטרעאל

איז גרייט צו פערקויפען אייך שנאפסען און וויינען. גוט און ביליג.

איז 24 שטונדען צייט בעקומט איהר אייער ארדער אין הויז. גיט אונז א "טריעל - ארדער" און איהר וועט זופריעדען זיין.

א פאר פון אונזערע פרייזען:

			א גאל.
טשערי ברענדי		$5.00	$5.50
אלקאהאל ספיריט	$8.00	7.00	6.00
עסטרייכישע ברענדי		5.00	5.50
ברענדי מעריאן דריי סטאר		6.00	6.50
סקאטש		4.50	5.00
ראי וויסקי		4.50	5.00

דזשין די קייפער ביים פלאש צוויי דאלאר און $1.25 א פלאש

אלע וויינען זיסע און זויערע צו ביליגע פרייזען.

שיקט נאך אונזער פולען פרייז־ליסט.

S. GINCHERMAN
22 CLARKE ST. MONTREAL

חנוכה

פון ישעיהו טשערנאס

אין וויסען געהילט יעדעס הייזעל
דער הימעל א בלויער ער שיינט
פון פענסטער די ליכטעלאך פינקלען
און זאגען ס'איז חנוכה היינט

די שטערענדלאך רופען און ווינקען
די לבנה שפאצירט אין דער מיטען
פון ווייטען א קלינגען פון גלעקלאך
אין ווילדען עס טראגט זיך א שליטען

דאס פרעסטעלע מאהלט מיט זיין פענזיל
און צאצקעס ד'שויבעלאך קליינע
אויף אייניגע מאהלט עס אויס ביימלאך
אויף אנד'רע בלימעלאך שעהנע

און שטוב איז יעצט ליכטיג און ווארים
די קינדערלאך טאנצען צ'זאמען
מיר וועלען היינט סענטען קריגען
פון טאטען אויך פון דער מאמען

דער טאטע ברומט אונטער א נגון
די מאמע האט נחת און קוועלט
און שמייכלענדיג נעהמט זיך דער טאטע
צו טיילען דאס חנוכה געלט.

פון דער רעדאקציע — דאס אויבען געבראכטע ליעד איז פון א יונגען בחור א געוועזענער שילער פון דער פרין שול און מיר דרוקען עס, ווייל עס צייגט זיך ארויס א פאעטישער פונק אין דעם

די געשיכטע פון חנוכה

(נאך פראפעסאר ע. שירערס געשיכטע)

(סוף)

דער ספר חשמונאים ב. שילדערט ווי אזוי עס זענען אומגעקומען א ניינציג יאהריגער זקן אלעזר, און דערנאך זיבען ברידער אונזער גנוב'ן אנדערען, פאר די אויגען פון זייער מוטער און צולעצט די מוטער זעלבסט. דער פאקט איז אז אין ברייטע קרייזען איז מען געבליבען טריי זייער אמונה און זייערע מנהגים, ניט קוקענדיג אויף אלע געוואלד מיטלען, בכדי אויסצוכונטערען די ענטמוטהיגטע אידען.

צום פאסיווען ווידערשטאנד איז באלד צו געקומען אן אפענע מרידה, דער אנהויב צו דער מרידה האט געמאכט א כהן מיט'ן נאמען מתתיהו און זיינע פינף זיהן, יהודה, יוחנן, שמעון, אלעזר, יונתן. אין שטעדטעל מודיעין בשעת עס איז געקומען אהין דער קעניגליכער אויפזעהער און האט געפאדערט, מען זאל ברענגען דעם היידנישען קרבן וואס מתתיהו זיך אבגעזאגט צו פאלגען.

„זאלען אפילו אלע פעלקער פון דעם קעניגס מלוכה“ האט ער געזאגט, „זיך אבזאגען פון דעם ריגענסט פון זייערע עלטערן, איך מיט מיינע זיהן און ברידער וועלען פארט געהן אין בונד פון אונזערע עלטערען“. אז ער האט געזעהן ווי א איד האט געוואלט ברענגען דעם קרבן, האט ער איהם דערהרגעט ביים מזבח, אויך דעם קעניגליכען אויפזעהער האט ער דערהרגעט און דעם מזבח צושטערט. דערנאך איז ער מיט זיינע זיהן אנטלאפען אין די בערג. באלד האט איהם א טרויעריגע געשעהעניש איבערצייגט אז אנטלויפען הייסט אזוי גוט ווי אונטערגעבען. א סך פרומע אידען האבען זיך געהאט בעהאלטען אין א הייל אין דער מדבר, און אבטהיילונג פון סירישע גארניזאן האט זיי געטראפען און אנגעפאלען אויף זיי אום שבת. אזוי ווי שבת האבען די אידען זיך ניט געוואלט אנטקעגענשטעלען, זענען זיי אלע אויסגעהרגעט געווארען צוזאמען מיט זייערע פרויען און קינדער. דאס האט דעם ענערגישען מתתיהו אריינגעגעבען דעם געדאנק אז מיט אזא מין פאסיווען זיך מקריב זיין איז שלעכט, טויג ניט. מען מוז צוגעהן צו אקטיווע מעשים, און אויב עס איז נויטיג צו קעמפפען אפילו אום שבת.

צו איהם זענען אויך צוגעשטאנען די חסידים וועלכע האבען ביז איצט נאר פאסיוו אריבערגעטראגען אלע אונטערדריקונגען. מתתיהו האט צוזאמענגענומען גאנצע מענער וועלכע זענען בערייט געווען צו קעמפפען פאר'ן גלויבען, איז ארומגעגאנגען מיט זיי איבער'ן לאנד, האט צושטערט די היידנישע מזבחות, געטויטעט די אביטריניגע אידען, מל געווען אלע אונגעמלטע אינגלאך, און איבעראל אויפגעמונטערט אלע אונטערדריקטע.

אבער ניט לאנג איז איהם באשערט געווען צו פיהרען אן אפענעם קאמף, באלד נאכ'ן אנהויב פון דער מרידה איז מתתיהו געשטארבען, פאר'ן טויט האט ער אבער געווארענט זיינע קינדער אז שמעון'ען זאלען זיי פאלגען אלס בעל יועץ, און יהודה'ן אלס אנפיהרער אי'ן קאמפף, מיט נחיצות טרויער האט מען איהם מקבר געווען אין מודיע'ן.

יהודה האט זיך געשטעלט אין דער שפיצע פון דער באוועגונג, זיין צונאמען מכבי כאראקטעריזירט איהם אלס קריגס מאן, וואס איז שטענדיג גרייט צו שלאגען, פיל מיט בעגייסטערונג האט ער זיין לעבען איינגעשטעלט פאר דער בעגייסטערונג פון דער זאך.

צוערשט איז די מרידה זעהר גליקליך אוועק. יהודה האט געוואונען זעהר גליקליכע נצחונות, ביז די אידישע עבודה איז ווידער בענייט געווארען אויפ'ן בארג ציון. ער האט צוקלאפט דאס סירישע חיל אונטער דער אנפיהרונג פון אפאלאניוס. זעלבסט מיט זיין שווערד האט יהודה געקעמפפט אין אלע ווייטערדיגע שלאכטען. אויך א צווייטען סירישען חיל האט יהודה צוקלאפט ביי א שלאכט אין בית חורין.

דער קעניג איז געווען געצוואונגען אנצונעהמען ענערגישע מיטלען, בכדי אונטערצודריקען די מרידה אין יהודה. אזוי ווי ער זעלבסט איז אוועק מלחמה האלטען קעגען די פארטער, האט ער באפוילען צו שיקען א גרויסען חיל קיין יהודה בכדי צו פערטיליגען די אידישע מורדים. ליזיאס דער מיליטער פיהרער, האט געשיקט דריי קריעגס הויפט לייט, תלמי, ניקנור און גאגיאס. די אידישע מפלה איז ביי זיי געווען אזוי זיכער אז אין סירישע לאגער זענען געקומען פרעמדע סוחרים בכדי צו קויפען די צוקונפטיגע אידישע שקלאפען.

צו דער זעלבער צייט האט אויך יהודה ניט גערוהט, יהודה האט צוזאמענגעקליבען זיין חיל אין דער אלטער שטאדט מצפה ניט ווייט פון ירושלים. און ער האט באשטימט אנפיהרער איבער'ן פאלק. מיט תפלה און תעניתים האט מען זיך געגרייט צום קאמפף, מערב זייט פון ירושלים.

יהודה האט אויסגעמידען די שטארקערע זייט פון סירישען חיל, און איז בעפאלען די שוואכערע, ער האט אויפגעמונטערט די אידען, און ווען די שטארקע האבען דערזעהן דאס זייערע אייגענע פאלען זענען זיי געלאפען צו הילף, זיי האבען אבער געטראפען דעם לאגער ברענענדיג און די אידען גרייט צום קאמפף. זיי זיינען מורא באקומען, און אנטלאפען אין לאנד פון פלישתים, דער נצחון פון די אידען איז געווען א פאלקאמענער.

דאס האט געדויערט א יאהר צייט. אויפ'ן אנדערען יאהר איז ליזיאס אליין געקומען קיין יהודה מיט נאך א גרויסען חיל. צו בית צור אין דרום זייט פון ירושלים אויפ'ן וועג קיין חברון איז פארגעקומען די שלאכט. יהודה האט געזיגט. ליזיאס האט געמוזט זיך צוריקציהען, בכדי צו קלייבען אן אנדער חיל.

נאך די צוויי נצחונות האט יהודה ווידער איינגענומען ירושלים און האט אנגעפאנגען זארגען וועגען דער אויפבויטונג פון דער עבודה אין בית המקדש. יהודה האט בסדר פארטריבען דאס סירישע חיל אום איהם ניט צו שטערען אין דער ארבייט, אלע אומריינע זאכען האבען ארויסגעטראגען פון בית המקדש. דעם מזבח וועלכען די סירער האבען געהאט מטמא געווען, איז צושטערט געווארען און אויף דעם פלאץ האט מען געבויט א נייעם, די הייליגע כלים האט מען ניי געמאכט, מיט גרויס פאראד איז געווארען דער חנוכת הבית. דאס איז געשעהן 25 טען אין כסלו.

אכט טעג דורכאנאנד האט געדויערט דער יום טוב, און עס איז געווארען באשטימט צו האלטען דעם דאזיגען יום טוב אין אלע קומענדע צייטען צום זכרון פון די גרויסע געשעהענישען. דאס איז דער יום טוב חנוכה, וועלכען ווערט היינט פון אונז געפייערט.

א דריידעל

איז דער ענטפער צום רעטעניש פון לעצטער וואך.

פאלגענדע האבען געטראפען:

ה. טשווערטקין 79 בעלוווי פלייס.
ביילע האבער 64 טיראלי סט.
מרס. האלפערן 231 בעווערלי סט.
נחמה ליטנער 9 גלענביילי סט.
מ. קענדלער 219 וועלינגטאן סט.
מ. שאפירא 60 נעסאו סט.
איידע חפין 570 דאנדעס סט.
פילופ פערלעניט האמילטאן אנט.
ראזע הייסעל 4 לעאנארד עוו.
ישראל רויזמאן 43 קאמעראן סט.
סעם שיינפעלד 187 אוגוסטא עוו.
ליבעל קאצמאן 54 אוגוסטא עוו.
שרה טעפערמאן 42 עלים סט.
נחום נאפטאלין 67 מיטשעל עוו.
מאלע בין 125 מארקהעם סט.
פעסי ראזענטאל 123 מארקהעם סט.

רעטעניש

פערשווינדען זענען די אמאליגע צייטען ווען מיר האבען געגלאנצט און געשיינט. מיר זענען געווען יום טוב'דיג אבער זעהט נור אונזערע פנים היינט.

וואכעדיג זענען מיר יעצט געווארען גרוים איז נעבאך אונזער אומער קלאנג. א געוועהנליך מאכל זענען מיר אין א פראסטען וואכענטאג.

אך ווי פרעהליך האט מען אמאל די אונזער געזעלשאפט פערבראכט. מען פלעגט זיך ביים אונז קוויקען אין טאקע נור חנוכה ביי נאכט.

פערלוירען געגאנגען איז אונזער שטאלץ אוים מיט דעם יחוס דעם אלטען. צוויי ענגלישע ווערטער ווערען מיר ווען אונזער נאמען אין צווייען געשפאלטען.

אויף דעם ערשטען קאנט איהר די גרעסטע הייזער בויען. דאס צווייטע ווי זאגט א ליטוואק „קעס“ קאן מען ניט יעדע טרויען.

א. ה. א. פ. מ. א. ג.

א מעלדונג פון דעם רוסישען גענעראל קאנסולאט צו אלע רוסישע בירגער וועלכע וואהנען אין קענעדע

די רוסישע רעגירונג האט פערגעשריבען דעם רוסישען קאנסולאט אין מאנטרעאל צו אויפנעהמען ביי זיי געלדער לויט דעם טאג קורס:

1) געלדער זענדונגען צו אלע פלעצער פון רוסלאנד פאר דער ארויסגעבונגען צו די יעניגע פערזאנען וועלכע די ארויסשיקער וועלען אנווייזען.

2) אריינטראגען פון דעפאזיטס (ביי מען וועט עס פאדערען) אין אלע רוסישע סבערעגאטעלנע קאסעס (שפאר קאסעס).

רעסיטס ביים אריבערשיקען געלד ווי אויך ביכלאך ביים אריינלעגען געלד אין די רוסישע סבערעגאטעלנע קאסעס ווערען דורך דעם קאנסולאט צוגעשיקט צו די וואס לעגען אריין דאס געלד.

די געלדער וועלכע די דעפאזיטארען האבען אריינגעלעגט אין די רוסישע סבערעגאטעלנע קאסעס, ווערען צוריק ארויסגעשיקט ביי זייער ערשטער פאדערונג.

די אפיס שטונדען זיינען יעדען טאג (אויסער זונטאג און בעזונדערע פייער טעג) אום צו געבען א מעגליכקייט די רוסישע בירגער צו איבערשיקען זייערע אבגעשפארטע געלדער אויף דעם בעקוועמליכסטען און זיכערסטען אופן, האט די רוסישע קאנסולאט באשטימט (אויסער שבת און יום טוב) פון 10 אוהר ביז 1 אוהר נ. מ. און אלס צוגאב — יעדען שבת פון 6 אוהר ביז 8 אוהר אבענדס.

די יעניגע וועלכע קענען ניט קומען פערזענליך אין קאנסולאט, קענען זיך ווענדען נאך אינפארמאציאנען און ערקלעהרונגען שריפטליך דורך פאסט אויף פאלגענדער אדרעסע:

RUSSIAN CONSULATE
35 St. NICOLAS St. MONTREAL

רוסישער גענעראל קאנסול פון קענעדע
ס. ליכאטשאוו

וועלש'ס

304 קווין וועסט

אויספארקויף פון רעדוצירטען סטאק

איך דריי סארטען פארניטשור פון וועלכע מיר האבען אין סטאק מעהר וויפיל מיר ווילען האלטען ביי דער איצטיגער צייט פון יאהר, האבען מיר ארונטערגענומען די פרייזען כדי צו פארזיכערען א שנעלען פארקויף. די איינגערעכענטע פרייזען זענען בלויז פאר מזומן.

בופעטע

48 אינטשיגע קייסעס, פיומד, און גאלדען פיניש; פינף רעזיגע אויסגעקלייבען אלע תאבען בעוועל פליט שפיגלען — בעקס. אונטען זענען אויך פאראן דראוערס אויף ליגען און זילבערוואר, א פולע ברייטע קאפבארד. רעגולאר ווערטה $43.00 ספעשעל $.9.75

דרעסערס



צוויי סארטען אין אוק דרעסערס געפינישט ענטוועדער אין פיומד אדער גאלדען.

ערשטער ספעשעל — דיזער דרעסער האט א בעוועל פליט שפיגעל 14 ביי 24, דער אונטערשטער טייל האט דריי מיטלע דראערס. רעגולאר ווערטה $22.00 ספעשעל $15.70

צווייטער ספעשעל — 30 ביי 18 אינטשיגע קייסעס מיט בעוועל פליט שפיגלען 28 ביי 20 אינטשעס. דער אונטערשטער טייל האט צוויי קליינע און צוויי גרויסע דראערס. רעגולאר פרייז $30.00 ספעשעל $20.75

דיינינג רום שטוהלען



פיומד און גאלדען אוק פיניש, אמת'ע לעדער „סיטס“, א סעט באשטעהט פון פינף זייטיגע שטוהלען מיט איין ארם שטוהל. רעגולאר ווערטה $33.00 ספעשעל $24.40

רעגולאר ווערטה $45.00 ספעשעל $32.40

טעלעפאן מיין 298

A. WELCH & SON.

304 קווין סטריט וועסט

„דער סטאוו סטאר“

איינלאדונג צו א מזרחי מיטינג

יעצט אז דער ענגלישער פלאג פלאטערט אין ירושלים זענען מיר בערעכטיגט מעהר צו האפען און פאדערען פון יעדען אידען ער זאל זיך אנשליסען אין אונזערע נאציאנאלע רייהען.

יעצט איז מחויב דער איד וואס האפט אויף „השבת העבודה לדביר הקודש“ מעהר צו פראינטערעסירען זיך אין אחדות און זוכען צו פעראייניגען אלע אחים בדעה אין א גרויסען כח אונטער'ן דגל המזרחי, וועלכער אפעלירט מיט זיין פראגראם צו יעדען פרומען אידען.

גרויסע אויפגאבען האט אויף אונז ארויפגעווארפען די ענגלישע דעקלעראציע, מיר דארפען יעצט צאהלען אונזער חוב צום כלל מיט אונזער צייט, געלד און טהעטיגקייט. אונזער בעגייסטערונג צו דיזער דגלען ציעל דארף בולט זיין פאר דער אנגעזעהענער וועלט.

יעצט ווען א איד ווערט איינגעלאדען צו א פערזאמלונג פון כלל ישראל'דיגע אינטערעסען דארף מען אלעם אוועקלייגען און קומען.

מיר לאדען איין יעדען טאראנטאער שוהל איד צו אונזער פערזאמלונג זונטאג (א' ווינש) אין דער לידער שוהל אגוסטא ע.ו. אום 7 א זייגער נאך חנוכה ליכט בענטשען.

ביי דיזער פערזאמלונג וועלען בעהאנדעלט ווערען די אלע ענינים וואס האבען צו טאהן מיט דער אידישער אנטוויקלונג אין דעם הייליגען לאנד און מיט די בעיבטען פון אידען אין גלות.

א חשוב'ער גאסט פון ארץ ישראל וועט ריידען, געבען א טעמע וועלכע וועט אלעמען פראינטערעסירען.

בברכת גאולה שלמה
אגודת המזרחי.

קוויטירונג פון תלמיד תורה עץ חיים

ביי א מלוה מלכה ביי מר. יוסל ליננער 124 עלם סט. $6,60, מר. סענדער [illegible]טער האט געבראכט די געלד.

אויף א ברית ביי מר. יוסף רויזנצווייג 20 סיסעל סט. $2,00

אויף א ברית ביי דזשאו גאליי 152 טעראלי סט., קאלעקטעט דורך חזן מאנא[illegible] $8,50

מר. בערקאוויטש האט געקויפט דאס [illegible] פעמער און מוהעל געלכאן ואלען צו פון די געלד.

מר. לייב גלעזער האט געבראכט די געלד.

אויף א ברית ביי מר. שמעון אולער פארקאווסקע 343 פארלאמענט סט. וואו דער בעוואוסטער רב ראזענבערג איז געווען מוהל איז דורך איהם געזאמעלט געווארען $9,50

שמואל סאבעל האט בעצאהלט פאר'ן צוזאגען די געלד דורך דער איניציאטיווע פון מר. גרינבערג.

ביידע זיידעס אל' סאבעל און הערשיל פארקאווסקע האבען געבראכט די געלד.

אויף א פארטי ביי מר. יצחק מאיר קאראלניק 35 באלדווין סט. $7,25 מר. קאראלניק האט בעצאהלט $1,25 פאר א [illegible] די געלד.

א סורפרייז פארטי ביי מר. נאטאנזאהן 14.46 קווין וו. $10.00 מרס. רבקה בערגערהויז האט געבראכט די געלד און זי האט פערשפראכען צו זאמלען ווייטערע סומען פיר די עלענדע קינדער.

מיר ווינשען אלע מנדבים מזל טוב!
12542

מזרחים פערגעסט ניט היינטיגען זונטאג!

היינט אבענד דעם 16טען דעצעמבער, אום 8 אוהר אין דער לידער שוהל אגוסטא עוו. וועט געהאלטען ווערען א מזרחי מיטינג.

ס'איז זעהר נויטיג אז דיזע פערזאמלונג זאל בעזוכט ווערען פון די חברים און פון די וואס דארפען זיין מזרחי מיטגלידער, ווייל וויכטיגע ענינים וועלען פערהאנדעלט ווערען.

אגודת המזרחי דפה.
12531—12—16)

א תלמוד תורה אין דער איסט טארנטא

די אידען פון דער איסט, האבען ערוואכט פון זייער שלאף, און זיך ארומגעזעהן אז זייערע קינדער דארפען האבען א אידישע ערציהונג, זיי האבען דארום געגרינדעט א תלמוד תורה מיט גוטע לעהרערס, מיט ליכטיגע גרויסע צימערען. די עלטערען וועלכע ווילען אז זייערע קינדער זאלען באקומען א אידישע ערציהונג זאלען זיך מעלדען א גאנצע וואך פרשה ווינש צו דער קאמיטע וועלכע זיצט פון 7 ביז 9 אויף אדער נאכט.

מיר בעטען אויך אלע אידען פון טאראנטא ווען מיר וועלען לאזען וויסען דורך דער צייטונג אז מיר געהן עפענען די תלמוד תורה, צו קומען אנטהייל נעהמען אין אונזער שמחה.

מיט אכטונג, די קאמיטע
12547—12—10

ערוועהלט קערר'ן אין וועסט טאראנטא



אייער שטימע און איינפלוס איז געבעטען צו העלפען ערוועהלען פאר וועסט טאראנטא אין פעדעראלען פארלאמענט דעם ליבעראלען קאנדידאט.

קערר

קערר'ס קאמיטע רום איז אין 313 קאלעדזש סטריט

פערלאנגט סקרוטינירס

שיקט א ליבעראל אין פארלאמענט

וועסט טאראנטא דיסטריקט

ראבי דזשיקאבס, מארטימער דייוויס און עדמאנד שאיטר

און די גרעסטע פראמינענטסטע אידען פון קענעדע אונטערשטיצען

די יוניאניסטישע „ווין־די־וואר“ קאנדידאטען

ה. ס. ה קען פאר וועסט טאראנטא

שטימט פאר

ה. ס. האסען X

וואהל טאג איז דעם 17־טען דעצ. 1917

וועהלער פון נארטה טאראנטא דיסטריקט

א. דזשיי יאנג

אינדעפענדענט ליבעראל קאנדידאט.

מר. יאנג האט דריי זיהן אויף'ן שלאכטפעלד. ער פערטהיידיגט דאס פאלק געגען פראפיט מאכערס און פערלאנגט א גוטע בעהאנדלונג פאר די סאלדאטען אויפ'ן שלאכטפעלד. וואהלען ווערען געהאלטען דעם 17־טען דעצעמבער, 1917.

פאלקס פעראיין סווי־ירוננע

אויף א סורפרייז פארטי ביי מר. דימענטצווייג ביי מר. נעטענזאהן 1446 קווין סטריט וועסט איז געזאמעלט געווארען $11,25 רבקה פינגערוט האט געבראכט דאס געלד צום פעראיין.

אויף א ברית ביי מרס. און מר. בערמאן 153 בעווערלי סט. געזאמעלט $5 מרס. בערמאן רובי דובינסקי האבען געבראכט דאס געלד צום פעראיין.

אויף א ברית ביי מרס. און מר. קויטמאן 162 באלדווין סט. געזאמעלט 5 דאלאר מיס צענער האט געבראכט דאס געלד צום פעראיין.

אויף א פדיון הבן ביי מרס. און מר. [illegible] זאכערמאן 129 באלדווין סט. געזאמעלט $3.30 מר. זאכערמאן האט געבראכט דאס געלד צום פעראיין.

דער פאלקס פעראיין דאנקט אלע מנדבים און זאמלער ווינשט מזל טוב אלע בעלי שמחות

אברהם שער פרעזידענט
אליעזר משה קירשענבוים סעק.

וועטער נביא האט ניט קיין רחמנות

געבעטען איז אין מאנכע געגענדען פון [illegible] געווען זעהר קאלט. דער טהערמאמעטער האט אין אייניגע שטונדען רעגיסטרירט 12 גראד נידעריגער פון נול, אבער דאס איז נאך ניט דאס [illegible]טע. דער וועטער נביא האט געבטען צו וויסען געגעבען דאס די קעלט איז געקומען פארברענגען מיט אונז היבשע עטליכע טעג און יעדער אייגענער [illegible] דארום פערשטעהן וואס ער דארף טאהן.

אידישער סטודענט צייכענט זיך אוים

די רעזולטאטען וואס זענען פערעפענטליכט פון די עקזאמענען פון דעם „דזשענעראל פארמאסי“ קורס בעוויזען דאס ישראל ראטהבארד האט זיך אויסגעצייכענט אלס א גרויסער בקי אין אלע געגענשטענדען.

וואהלען אין האליפאקס אבגעלייגט

אטאוא, דעצ., 15.

אן אפיציעלע ערקלעהרונג איז ארויסגעגעבען געווארען דאס עס איז בעשלאסען געווארען דורך אן ארדער אין קאונסיל אז די וואהלען אין שטאדט האליפאקס זאלען אבגעלייגט ווערען אויף דעם 28־טען יאנואר, דעמזעלבען טאג וועלכער איז בעשטימט געווארען פאר'ן יוקאן. אלס אורזאכע פאר דעם אבלייגען ווערט אנגעגעבען דאס די עקספלאזיאן האט חרוב געמאכט צעהן פון די „פולינג פלעצער“ און עס איז אונמעגליך צו האלטען וואהלען דעם 17־טען פון דיזען מאנאט.

דר. ס. פערמאן
דענטיסט
341 באטהורסט סט.
(נעבען ארטהור סטריט)
טעל. קאלידזש 5720

THE
Hospital for Sick Children
College St., Toronto

ITS CHRISTMAS MESSAGE

Dear Mr. Editor:—

Thanks for your kindness in allowing me the privilege of appealing to your readers this Christmas time on behalf of the Hospital for Sick Children, the "Sweetest of all Charities," which has as its mission the care of the helpless, the sick, the crippled and the deformed.

There never was a year in the history of the Hospital when funds to carry on the work were more needed than now.

Your purse is the Hospital's Hope. Your money lights the candles of mercy on the Christmas trees of health that the Hospital plants along the troubled roadway of many a little life.

So I am asking you for aid, for the open purse of the Hospital's friend is the hope of the Hospital at Christmas, just as the open door of the Hospital's mercy is the hope of the little children throughout the year.

Calls on generous hearts are many in these times. Calls on the Hospital are many at all times, and especially when food and fuel and drugs and service costs are soaring high. YOU know the high cost of living. Do you know the high cost of healing—of helping the helpless to happiness? What you do to assist is the best investment you will ever make.

Do you realize what this charity is doing for sick children, not only of Toronto, but for all Ontario, for out of a total of 3,740 in-patients last year 646 came from 254 places outside of Toronto. The field of the Hospital's service covers the entire Province—from the Ottawa to the far-off Kenora—from the borders of the Great Lakes to the farthest northerly district.

The Hospital is doing a marvellous work. If you could see the children with crippled limbs, club feet, and other deformities, who have left the Hospital with straightened limbs and perfect correction, your response to our appeal would be instant. In the Orthopedic Departments last year a total of 330 in-patients were treated; and in the Out-Patient Department there were 1,946 attendances.

Let your money and the Hospital's mercy lift the burden of misery that curses the lives, cripples the limbs and saddens the mothers of the suffering little children.

Money mobilizes the powers of help and healing for the Hospital's drive day and night against the trenches where disease and pain and death assail the lives of the little ones.

Remember that every dollar given to the Hospital is a dollar subscribed to the Liberty Loan that opens the prisons of pain and the Bastilles of disease, and sets little children free to breathe the pure air, and to rejoice in the mercy of God's sunlight.

Will you send a dollar, or more if you can, to Douglas Davidson, Secretary-Treasurer, or

J. ROSS ROBERTSON,
Chairman of the Board of Trustees

תלמוד תורה עץ חיים

68 דיארסי סטריט

מיר בעטען אלע אידען בכלל און מעמבערס בפרט קומט אין ת״ת

דיזען זונטאג פ״ ווינש דעם 16–טען דעצעמבער

5 אוהר נאך מיטאג שארפ אנטהייל צו נעהמען אין דער שמחה של מצוה

פון חנוכה פעסט

וואו איהר וועט געניסען דעם אמת-דיגען גייסטיגען פערגעני-גען, עס וועט דורכגעפיהרט ווערען א זעלטענער שעהן פראג-ראם, עס וועט אייך איבערראשען די אויסצייכענונג פון די קינדער און פערשידענע לימודים ווי אויך פערשידענע ״לשון קודש-ע״ שירים און דרשות מעניגא דיומא א. ז. וו.

עס וועלען אנוועזענד זיין די פראמינענטסטע מענשען פון שטאדט ווי אויך אלע רבנים

פערלירט נישט די געלעגענהייט און קומט אין צייט

מיט גרוס,
די קאמיטע.

מזרחי תלמוד תורה אויגוסטע עוועניו

בעט אלע אידען צו קומען היינט 2 נאכמיטאג צום

חנוכה פעסט

זעהר אינטערעסאנט

די קאמיטע

העלפט די טאראנטאר פרץ שולען און האט פערגעניגען

ביידע זאכען קענט איהר טהון ווען איהר וועט קומען

צום באזאר

אראנזשירט פון פרויען פעראיין לטובת די שולען

דער באזאר וועט פארקומען

אין שול הויז 194 בעווערלי סטריט

און וועט אנהאלטען דריי טעג.

מארגען, דינסטאג און מיטוואך

שבת אווענד וועט זיין א טאנץ. קומט קויפען מציאות.

פעדלערס און סטארקיפערס

איין זאך איז נאך דא צו מאכען געלד, צו קויפען ווייסטען דירעקט

פון די קווין ווייסט קאמפאניע

מיר מאנופעקטשורען וואל און סילק און קריפדעשין ווייסטען צו די ביליגסטע פרייזען, די בעסטע קוואליטי, קומט איבערצייגט זיך

די קווין ווייסט קאמפ. 436 קווין סט. וועסט.

פרעגט אונז א פרייז

אויף אייערע ארדערס פאר

פרינטינג

און מיר זענען זיכער

דאס מיר וועלען ביי אייך קריגען דעם ארדער פיר אלעס וואס איהר דארפט נאר פרינטען: סטיישיאנערי, סיר-קולארס, בלאטערס, אינוויטיישאנס, קארדס, בוקלעטס, ליפלעטס, פאוסטערס א. ז. וו.

און איהר זענט זיכער

זיין צופרידען סיי מיט דער פרייז, ארבייט און אויך צו דער בעשטימטער צייט.

מיר מאכען פרינטינג

אין פערשידענע שפראכען, ווי אידיש, העברעאיש, ענג-ליש, פראנצויז, רוסיש אוקראיני, און פויליש.

ספעשעל פיר די קאנטרעס

ווען איהר שיקט אונז אריין אייער ארדער מעגט איהר זיין זיכער דאס מיר וועלען אטענדען דערצו פונקט ווי איהר זאלט ארדערען פערזענליך.

מיט אכטונג,

די דזשורנאל פרעס

א. גאלד, מענעדזשער

253 קווין וועסט – טעל. אד. 3967

רעזידענץ: 44 סטעפאני סט. טעל. אדעלייד 2971

מר. קאמין
ס. מענעדזשער

טעלעפאן עדלייד 3527
ביינאכט, זונטאג און יום-טוב טע-לעפאן קאלעדזש 6775, מר. קאמין

טאראנטא עלעקטריק סופלאי קאמפ.

דזשאבערס אין

עלעקטריק סופלאיס און פיקטשורס

92 קווין סטריט וועסט טאראנטא

ספעשעל סייל אויף לאמפען ביז דעם 1-טען יאנואר



5 ק. פ. לאמפען גוט פאר בעדרומס און באד רומס, 15 סענט א שטיק, אדער 2 פאר 25 סענט.

10 — 15 — 25 וואט טאנגסטען לאמפען 33 סענט.

40 וואט 35 סענט, 60 וואט, 41 סענט.

100 וואט 85 סענט.

היטערס

100 וואט	$1.23
200 וואט	2.20
300 וואט	3.75

מיר האבען אלע סייזעס אין סטאק ביז 1000 וואט. גאנטראזשיז לאמפען זענען גאראנטירט צו ברענען 4 חדשים.

קאנטרי ארדערס פינקטליך צוגעשיקט. ספעציעלע פרייזען ווערען געגעבען אויף קייט לאטס צו דיעלערס און פעק-טאריעס.

TORONTO ELECTRIC SUPPLY CO.

וואס איהר מוזט וויסען

איהר מוזט וויסען פאר וואס 250 רעגס ארבייטער זענען ארויס-געווארפען געווארען פון זייער ארבייט און דערפאר זענט איהר געבעטען צו קומען צו אונזער

מאסען פערזאמלונג

היינטיגען זונטאג 2 אזייגער נאכמי-טאג אין בראדוויי האל

וואו אלעס וועט ערקלעהרט ווערען. אלע אייגצעלהייטען פון׳ם יעצטיגען רעגס לאקאוט וועלען דערצעהלט ווערען. יוניאנס סאסייטיס ארגאניזאציעס, פעראיינען, זענען געבעטען דארט צו זיין.

גיטע רעדנער וועלען די פערזאמלונג אדרעסירען

קאנאדאנער אידען דאר פען שטיצען גיבאנס׳ן

אז מען פרעגט, פאר וועמען שטימט איהר אין דעם יעצטיגען קעמפיין? דארף מען ניט קיין פיעל טראכטען און ענטפע-רען, אז פאר לאריער׳ן. לאריער איז דער איינציגער וועלכער קען פעראייניגען קע-נעדע און ברענגען פריעדען אין דער היים, און פערשטארקונג פאר די ״באיס״ אין פראנט.

לאריער איז געגען די גרויסע איגנטע-רעסען, און איינטער א לאריער אדמיניס-טראציע וועט ניט זיין קיין פלאץ פאר די פראוועלס.

דזשארדזש גיבאנס איז דער ארביי-טער-ליבעראלער קאנדידאט אין לאג דאן, און יעדע לאנדאנער אידישע שטימע דארף געגעבען ווערען צו א מענשען, וואס שטעהט ניט לאריער׳ן.
(ארדוער.

ערשטער דראפט אין נאווא סקאשיא אבגעלייגט

אטאווא דעצעמבער 15

סער ראבערט בארדען האט נעכטען אנאנסירט דאס דער מיליטער דיענסט קאונסיל האט איינגעשטימט אויף זיין פארשלאג: אבצולייגען אין דער פראווינץ נאווא סקאשיא דאס אריינרופען פון דעם ערשטען דראפט. ווען עס וועט ארויס געלאזען ווערען די פראקלאמאציע דעם 3-טען יאנואר אריינרופענדיג דעם ערש-טען דראפט וועלען די נאווא סקאשיאר יונגעלייט ניט דארפען געהן. דער בע-שלוס איז דערווייל אויף אן אומבעשטימ-טער צייט. עס איז מעגליך דאס מען זאל זיי רופען נאכהער בעזונדער אדער מען וועט זיי ניט רופען ביז עס וועט נע רופען ווערען דער צווייטער דראפט.

פאלקס פעראיין

מיטגלידער

היינט

צוויי אזייגער

פאנגט זיך אן אונזער

פערזאמלונג

וועלכע איז זעהר וויכטיג פאר אלעמען.

געדענקט צו קומען אין צייט

א קורצע צייט איז געבליבען צו אונזער

באל

מיר מוזען אלעס פארברייטען.

מיט אכטונג,
אברהם שער פרעזידענט
אליעזר משה קירשענבוים סעק.

LOEW'S

לאעו׳ס יאנג סטריט טהעאטער

אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
נאכמיטאג 10 סענט, 15 סענט.
אבענד 10 סענט 15 סענט און 25 ס.

די וואך פון מאנטאג דעם 17טען דעצ.

דאס וואונדערלאנד פון דער וועסט

,,די גאלד דעס״ מיט וויליאם ס. הארט

אין דער הויפט ראלע

דער באפלא ביל פון דער שטיגער דראמא אין דעם כאראקטער פון לעוועל לעי, א גאמבלער פון דער וועסט. אין דעם בילד איז פאראן זעהר פיעל מעלאדיכער אינטערעסט

די פיטשור פון וואדעוויל איז קווינעל דזשאהן א. פאטיע מיט זיין קאמפאניע פון אלטע סאלדאטען שפיעלען א רעוויו פון אלטעליערער, א לעקסאן אין פאטריאטיזם. זעקס אנדערע הייפ קלאס וואדעוויל אקטען.

די פארשטעלונג אין ווינטערגארדען איז די זעלבע ווי אין לאוס טהעאטער.

וויכטיג פאר סטארקיפערס און פעדלערס!

מיר האבען שוין אונזער פול ליין מענ׳ס, ליידיעס און קינדערשע סוועטערס, אונטערוועיר, סטאקינגס, סאקס, פענטס, אווערהאלס. און פערשידענע דריי גודס וועלכע מיר האבען געקויפט לעצטען יאהר דא-פיר קענען מיר פערקויפען ביליגער ווי אנדערע האלסיילערס. פראבירט אונז בעפאר איהר געהט אין אנדער פלאץ. מיר דעליווערען ארדערס איבער גאנץ קענעדע.

קאפלאן און קאמפ.

229 קווין סט. וועסט טאראנטא טעל. אדלייד 3772

איבערראשענדע נייעס צו די אלע ביי וועלכע ליטעראטור איז טייער

נאך וואס אויפקויפען ביכער ווען זיי קענען מאכען דעם שעהנס טען ציערונג אין אייער הויז. כ׳נעהם אן אלערליי בוכביינדונג. כ׳פיקס ביכער אין כ׳מאך איינבינדונג. כ׳מאך פון אלטע ביכער ניי. טעלעפאנירט מיר און כ׳וועל גלייך קומען צו אייך.

מר. גראסמאן 41 אלסטער סטריט

טעלעפאן קאל. 2170

נאטיס: ספעשעל דיסקאונט צו סאסייטיס וועלכע האבען לייי-ברעריס.

טעלעפאן — מיין 3175 רעזידענס — קאלעדזש 2432

110 טשעסנאט סטריט

דזשי ענד בי מאטאר טראק קאמפאניע

מיר זענען פארברייטעט צו מופען אייער פורניטשיר, באגאזש, פיאנאס. מיר מופען אין ״שיפען״ ביי עקספערטען. מיר פאקען און דעליווערען צו יעדער סטיישאן. מעסיגע פרייזען.

G. and B. Motor-Truck Co.
110 CHESTNUT ST.

EATON'S COAL
The Very best. Phone Ad. 2696

דער אפיס פון

איטאנ׳ס קויהלען

האט געמופט אין 352 קווין וועסט

ווענדעט זיך לויט׳ן נייעם אדרעס. אדער ביי טעלעפאן ערלייד 2696

מיר מאכען אייערע אלטע קליידער ניי

ל. וואיט און סאנס.

בעסטע אידישע קלינערס, פארבע׳ס און פרעסערס

270 קווין סט. וועסט טעלעפאן אדלייד 615
פעקטארי 135 וויליאם סט. טעלעפאן אדלייד 1673

מיר פערענטען פול דרעס סוטס פיר חתונות אין בעלער

ארדערט אייערע קוילען ביי

יאנעזוער בראדערס

טעלעפאן מיין 6886

וואו איהר בעקומט בלויז ראדזשערס קויהלען

מיט ראדזשערס טיקעטס טעל. אזים 104 זארדאמיל

ארדערס יעצט ווייל נאכדער יעט ... [illegible]

מ. העלער

176½ מיין סט וועסט טאראנטא

רייס פאר אייך!

מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויפ׳ן פלאץ, חתונה רינגען, נעמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם ביליגסטען פרייז.

14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוויים, 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעניוויים.

וואטשעס געקלינט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, היר-ספרינג 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, סטעמס 50 סענט. מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי נייע פיר א קליינעם פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט. מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם ביליגסטען פרייז.

מאטינע 10 15 און 25 סענט אבענדס 10, 15, 25 און 35

HIPPODROME

די וואך פון מאנטאג דעם 17טען דעצ.

דזשוליען עלטינדזש אין

״די קלוגע מיסעס קיירפעקס״

דזשעק סי. קלארק און מיידלא מילער און מיערס. רייעלטא מעק אינטייר און קא. ווילי רייד ריטא רעיאס און קאמפ. גריים קינג.

חזן מאנאוויטש

מוהל ומסדר קידושין

דארף זיך ניט ריהמען, אלע ווייסען, אז ער איז א קינסטלער.

קאנטרי לייט קענען מיר אויך אר-דערען, אדרעס 233 בעווערלי סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.

TERDIMAN'S

כשר וואורשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע פרישסטע און בעסטע פאסטראמע, וואורשט, סאלאמי, פאסטראמא, צונגען און אלע סארט פלייש און פיש.

פערלאנגט איבעראל

טערדימאנ׳ס כשר באלאניע

מיט׳ן רויטען לייבל

266 פארלאמענט סטריט

טעלעפאן מיין 409

ארדערס דעליווערט ...

קעש

פון 145½ קווין וועסט

מאכט א ספעשעל סייל אויף 14 קערעט גאלד וואטש בריסלעטס 15 דזשועל מואוועמענטס ביליגער ווי האלסייל פרייז 17.50 בלויז פאר א קורצער צייט. אויך אלע ארטיקלען פון רייכפאנגס און דזשועלרי מיט 30—25 פראצענט ביליגער.

טעלעפאן אדעלייד 3588

The G. KASH Jewellery Co. 145½ Queen St. W.

די ... $1 $2 $3 ...

... [illegible]

ספעשעל ... 10 טאראנטא ...

טעלעפאן רום סיסטעם

די וויליאמס

קארטיירדזש און סמארידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252
רעזידענס קארטיירדזש איידזשענטס
368 ספאדינא עוו. טאראנטא אנט.
באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד.
מיר זאגען געמופט און געשיפט ביי עקספערטען.
ווערהייזער 551 קווין סטריט וועסט
... [illegible]

ווען איהר קויפט אן ארטי-קעל דערמאנט דעם ״אידישען זשורנאל״.